היינט 8 זייטן „Radomer-Kielcer Leben“ 49 (748) — Opłata pocztowa — uiszczona ryczałtem. XV-ער יאהרגאנג פרייז 25 גראשען

ראדאמער-קעלצער לעבן

Wytw. Wyrobów Cukierniczych

p. t. **„Americanka”**

L. Wajsbrodt — Rynek 16.

מאכט בעקאנט דאס ג. פובליקום, אז

אין צוקערניע און היגיענישע בעקעריי

רינעק 16 און אין דער יוד. צוקערניע **«אמעריקאנקא» טראוגוטטא 62**

בעקומט מען יעדען טאג פריש און פיין געבעקס צו ביליגע פרייזען, פערשידענע געשמאקע טשאסטעס פון דער פיינסטער קוואליטעט צו 15 גר. ס׳איז צו בעקומען שטענדיג טארטען, מארציפאנאווע פון 1.50 אן.

אלץ ווערט אויסגעארבייט דורך א פאכמאן מיט א לאנגיעהריגע פראקטיק. אלע מינים געבעקסען ווי לוקסען, בילקעלעך, טשאסטעס, וואפלעס, הערבאטניקעס, טארטען, באקאלעס דעסעראווע, לעקעך, פערשידענע קרעמען, מיגדאלאווע ארטיקלען און פרייטאג-חלות.

עס ווערען אויך אנגענומען בעשטעלונגען אויף שמחות, בעלער, קאנצערטען. שאקאלאד פון פערשידענע פירמעס און פרוכטען צו ביליגע פרייזען.

אבטיילונג פאר אסטראוויעץ אפאטאוו, וויערזשבניק
און סביבה אויף זייט 7

Radom dnia 16 Grudnia 1938.
ראדאם, פרייטאג כ״ג כסלו תרצ״ט
טעלעפאן פון רעדאקציע **15 - 18**

אבטיילונג פאר קעלץ אויף זייט 8

Z intencji zaślubin

panny *Geni Tandetnik*

— z panem —

Wajnbergiem

życzą wiele szczęścia i pociechy rodzicom

H. Gluzmanowie

Młodej parze

p. *Geni Tandetnik*

z p.

Mońkiem Wajnbergiem

życzą wiele szczęścia i zadowolenia
na nowej drodze

Promnicka
Hochmanowa

די הערצליכסטע גליקווינשען אונזערע קוזינען
יאסעל וויינבערג און פרוי
צו דער חתונה פון זייער זוהן
מאניעק וויינבערג
מיט פרל.
געניע טאנדעטניק
דעם יונגען פאר א גליקליכע צוקונפט און די עלטערן פיעל נחת
פאמיליע יעשורין

מיר ווינשען א הערצליכען מזל-טוב
אונזער שעף ה׳ **ל. ווייסבראדט** און פרוי
צום געבארען ווערען פון זייער ערשט
טעכטעריל
מיר ווינשען א גרינגע און גליקליכע ערציהונג
מ. טרוקענבערג, ל. אייזענבערג

צו דער חתונה פון אונזער מיטארבייטערין
פרל. **העניא לעוגא**
מיט ה׳
שמואל אהרן וויינאכט
ווינשען מיר פיל גליק און צופרידענהייט
פערסאנאל
פון דער פירמע אהרן גאלדבערג ראדאם, ושעראמסקי 9

Z okazji zaręczyn

p. Henryka Sztajnberga

z p.

Felą Kasztanówną

składamy najszczersze życzenia
na nowej drodze życia i wiele
pociechy rodzicom

Gluzmanowie,
B-cia Goldberg i Spirytus.

Dobrze wprowadzona fabryka

poszukuje wspólnika z większym kapitałem

Oferty skierować do Adm.
Radomer Kielcer Leben
sub. **„Zarobek“**

HALLO!!! HALLO!!!

Luna-Petit w Radomiu

Wstęp wolny! Wstęp wolny!

RADOM, Żeromskiego 15 (dawniej kino „Odeon“)

Przybył do Radomia na krótki czas Luna Petit.
Pierwszorzędne rozrywki. Pierwszorzędne atrakcje.
Nowoczesna mechaniczna strzelnica.
Za celne strzelanie wartościowe nagrody.
Automatyczna strzelnica tarczowa. Strzelnica 4 figur. Strzelnica pasków. Gra zręczności. Najnowocześniejsze bilardy towarzyskie. Przy Luna Petit teatrzyk, w którym występuje słynna chiromantka Miss - Nina i eksperymentator Ak-Meka, który w nadprogramie pokaże tresurę węża i inne produkcje fakirów indyjskich. Chcesz się zabawić i mile czas spędzić przyjdź do Luna-Petit.

W teatrzyku zmiana programu znanego eksperymentatora i fakira **Ak-Meka**

Już przyjechała polska Shirley-Temple cudowne 5 letnie dziecko **„Miecia“**

Nowość dotychczas niewidziana, które każdego wprowadzi w zdumienie. **Atrakcja ze scen londyńskich.**

Luna Petit zostaje tylko krótki czas jeszcze!!!

Mądrzy bramini, których słuchać nigdy
nie zawadzi
Uczą, że wierzyć nigdy nie trzeba kobiecie
Chyba, że świetne gilzy „*Dla znawców*“ doradzi
— Wierz jej wtedy — te gilzy są najlepsze w świecie

לחברה הועד **שרה זגדנסקה**
רגשות נחומין בצערה העמק
למות עליי
אבי׳ נ. ע.
בהגשמת רעיוננו תמצא נחומים.
תנועת תורה ועבודה בפולני׳
סניף ברדום

אונזער טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס
דער **פאמיליע זאגדיינסקי**
צוליבן טויט פון זייער מאן און פאטער
יוסף נ. ע.
זאלען זיי זיין געטרייסט און נישט וויסען מעהר פון קיין צער.
די פישער-סעקציע.

מיר דריקען אויס דעם טיפסטען
מיטגעפיהל דער פאמיליע זאגדיינסקי
צוליבן טויט פון זייער
מאן, פאטער און ברודער
יוסף נ. ע.
זאלען זיי זיין געטרייסט.
יצחק ראזענשטיין און פרוי.

די פאמיליע **זאגדיינסקי** און די פרל. **לאה זאגדיינסקי**
דריק איך אויס מיין מיטגעפיהל
צוליב׳ן טויט פון זייער מאן, פאטער און ברודער
יאשקע נ. ע.
זאלען זיי זיין געשטארקט איבערצוטראגען
דעם גרויסען צער און וועהטאג
הערשל פלאמענבוים

Najszczersze wyrazy współczucia
składamy pannie Loli Zagdańskiej
z powodu śmierci Jej brata
b. p. Joszka

Sala i Nacha
Flamenbaum

כאלווע
„Union“
איז אויסגעארבעט פון די בעסטע ארץ-ישראל רוי-שטאפען אין פאלגענדע געשמאקען:
Chałwa wyborowa
„ pomarańczowa
„ grylażowa
„ owocowa
„ kawowa
„ orzechowa
ווי אויך כאלווע און שאקאלאד פאר פיינשמעקערס
Fabryka chałwy „Union“ Warszawa, Wolska 69

Nadszedł
ŚWIEŻY
TRAN
szwedzki
ST. KUROWER
RADOM, Żeromskiego 1

ווילט איהר האבען קלארע, זויבערע וועש, נייע גארדעראבעס, שניי-ווייסע פארהאנגען, גיעט נאר צו וואשען און פארבען אין דער בעקאנטער כעמישער פארבעריי און פראלניע פון דער ערשטקלאסיגער פירמע

A. HEMPEL

Centrala **Stare Miasto 7** telefon 19 - 70
Filje
Zeromskiego 1
Zeromskiego 21
Zeromskiego 59
Traugutta 11

ווער ס׳האט זיך נאך ניט איבערצייגט זאל פרובען און וועט זיין ענטציקט פון דער שענער, עסטעטישער און פאכמענישער ארבייט. ס׳ווערט אויך געוואשען אויף טריקען — ביליגע פרייזען! — פינקטליכע אויספיהרונג סאלידע בעהאנדלונג קומט און איבערצייגט אייך

● צענטראלע: **אלטע שטאדט 7** אפיצ. טעל 19-70
◆ פיליעס: **ושעראמסקי 1 טראוגוטטא 11**
● **ושעראמסקי 21, ושעראמסקי 59**

ביליג צו וואשען קאפעלושען

לייב יפה.

מיר קעמפען און בויען

ספּעציעל צום «ראַדאָמער-קעלצער לעבען».

1

אין בעלאַגערונג׳ס-צושטאַנד

איך בין געווען געוואוינט צו קומען צו אייך אין שווערע צייטען, נאָר מיר זענען נאָך קיינמאָל נישט געשטאַנען פאַר אַזעלכע שוועריגקייטען אין אונזער ווערק און אין אונזער בעוועגונג ווי איצט. שווערע פּאָליטישע נסיונות, אַ וועלט מיט שונאים בעמיהט זיך צו דערשטיקען אונזער ווערק און אונזער בעוועגונג. אין ארץ-ישראל געפינען מיר זיך שוין איבער צוויי מיט אַ האַלב יאָהר אין אַ בעלאַגערונג׳ס-צושטאַנד. און דאָך איז אונזער מוט נישט געבראָכען און אונזער גלויבען איז נישט שוואַכער געוואָרען. מיר וועלען דורכטראָגען אַלע שוועריגקייטען, מיר אַליין און דאָס גאַנצע יודישע פאָלק, וואָס דאַרף שטעהן הינטער אונז געאייניקט, פעסט און צוזאַמענגעשלאָסען. אונזער קאַמף אין ארץ-ישראל און פאַר ארץ-ישראל איז שווער. נאָר דאָס איז דער איינציגער קאַמף, וואָס מיר קאָנען פיהרען, דער איינציגער קאַמף פאַר דעם לעבען פון יודישען פאָלק, פאַר זיין כבוד און צוקונפט.

מיר שטעהען שוין איבער דריטהאַלבען יאָהר אין פייער פון טעראָר. גרויס זענען אונזערע קרבנות. מיר האָבען פערלוירען ביז 300 פון אונזערע בעסטע און איידעלסטע, אָבער די שונאים איז נישט געלונגען צו צעברעכען דעם ישוב. ער איז אַרויס נאָך פעסטער און געאייניקטער ער האָט נישט פערלוירען זיין מוט. אין אויסלאַנד הערט מען נאָר וועגען שיסען, אָנפאַלען און קרבנות. מען הערט ווייניגער וועגען דעם, ווי מיר קעמפען, ווי מיר לעבען. ווי מיר שאַפען.

די נייע ישובים

אין די צוויי און אַ האַלב יאָהר איז דער ישוב געוואַקסען אין זיין ענטוויקלונג. גראַד אין דער צייט פון די אומרוהען, האָבען מיר אויסגעבויט נייע 34 יודישע דערפער, מייסטענטיילס אין די געפעהרליכסטע און פערוואָרפענסטע ערטער פון לאַנד. אַ טייל פון זיי — ביי די גרעניצען, שוץ-פונקטען און גרעניץ פונקטען, אין ערטער ווי אין משך פון 2000 יאָהר האָט נישט געטראָטען אַ פוס פון אַ יודען. זיי צעהלען שוין איבער 2.500 נפשות און זייער צאָהל וואַקסט. פון זיי זענען 4 געגרינדעט געוואָרען אין די לעצטע צוויי וואָכען. איינער נעבען חניתא, אַ צווייטער — אין גליל און צוויי — אין בית-שאָן. עס זענען געגרינדעט געוואָרען נאָך צוויי קלענערע זידלונגען אין שרון און ביי חיפה. מיר צעהלען אין ארץ-ישראל שוין איבער 234 דערפער. די צאָהל פון די מענשען אין יודישען דאָרף האָט זיך אין דער צייט פון די אומרוהען פערגרעסערט אויף 35000 נפשות.

פּראָדוקציע פון יודישען דאָרף

אונזערע שונאים האָבען געשטרעבט אונז אויסצוהונגערען און מיר האָבען פערגרעסערט די פּראָדוקציע פון יודישען דאָרף און ער שפּייזט שוין אין אַ גרויסער מאָס דעם ישוב. אין יאָהר 1935/36 האָט „תנובה״ פערקויפט 26 מיליאָן אייער; אין יאָהר 1936/37 — 39 מיליאָן; אין די ערשטע 5 חדשים פון יאָהר 1938 — 21 מיליאָן (געגען 18 מיליאָן פון דער זעלבער צייט פון פאָריגען יאָהר). אָבער אין דער זעלבער צייט האָט מען פון אויסלאַנד אַריינגעבראַכט 36 מיליאָן אייער.

עס וואַקסט די יודישע מילך-ווירטשאַפט. אין 1937 האָט דאָס יודישע דאָרף פּראָדוצירט איבער 33 מיליאָן ליטער מילך; אין האַלבען יאָהר 1938 — איבער 17 מיליאָן. אָבער אין זעלבען האַלבען יאָהר האָט ארץ-ישראל אימפּאָרטירט מילך-פּראָדוקטען אויף קרוב 248.000 פונט. דער גרויסער אימפּאָרט פון שפּייז-פּראָדוקטען צייגט, וואָס פאַר אַ גרויסע מעגליכקייטען זענען נאָך דאָ פאַר דער ענטוויקלונג פון יודישען דאָרף אין ארץ-ישראל.

די פּראָדוקציע פון באַנאַנען האָט זיך מעהר ווי פערדאָפּעלט אין לעצטען יאָהר. פון 430 טאָן אויף 1200 טאָן. די פּראָדוקציע פון אַנדערע פרוכטען, ווי עפּעל, באַרנען, פלוימען א. אַנד. וועלכע זענען פערקויפט געוואָרען דורך „תנובה״, האָט זיך זייט 1935 פערגרעסערט אויף פינף מאָהל.

היינטיגעס יאָהר וועלען נייע 30.000 דונאַם אָראַנזשען געבען פרוכט. פון די יודישע פּרדסים וועלען היי-יאָהר עקספּאָרטירט ווערען קיין אויסלאַנד איבער 8 מיליאָן קעסטלעך אָראַנזשען. (פאַראַיאָהרען האָט דער גאַנצער אָראַנזשען עקספּאָרט בעטראָפען 11 מיליאָן קעסטלעך, פון זיי יודישע 60 פּראָצ.) ביז 20.000 יודישע אַרבייטער וועלען היי-יאָהר זיין בעשעפטיגט ביים קטיף.

די אינדוסטריע

די אינדוסטריע אין ארץ-ישראל האָט, זעלבסטפערשטענדלעך, געמוזט פילען די אומבאַשטימטע לאַגע, די אומרוען אין לאַנד און די פאַרקלענערטע עליה. געליטען האָט שטאַרק די אינדוסטריע, וואָס איז פאַרבונדען מיט דער בוי טעטיגקייט. נאָר אין אַלגעמיין האָט אויף די אינדוסטריע דורכגעטראָגען די שווערע צייטען בעסער, ווי מען האָט געקאָנט דערוואַרטען. די גרעסערע אינדוסטריען האָבען זיך גראַד אין די לעצטע יאָהרען פערשטאַרקט און אויסגעוואַקסען. צום ביישפּיעל: דאָס עלעקטריציטעטס-ווערק, פּאַטאַש-אינדוסטריע, „שמן״ און אייניקע אַנדערע.

דער געברויך פון עלעקטרישער קראַפט איז געוואַקסען אין פאָלגענדע צאָלען: אין 1936 — 65 און אַ האַלב מיליאָן קילאָוואַט; אין 1937 — 71.265 מיליאָן קילאָוואַט; אין ערשטען האַלב יאָהר פון 1938 — 38.856 מיליאָן קילאָוואַט. עס איז אויסגעבויט געוואָרען ביי תל-אביב אַ נייע, גרויסע עלעקטרישע סטאַנציע, וואָס טראָגט דעם נאָמען „רעדינג״.

די אַרבעטסלאָזיגקייט איז כמעט פאַרשוואונדען. זי איז נישט גרעסער, ווי אין דער צייט פאַר די אומרוען. מענטשען זענען באַשעפטיגט ביים קטיף און פיל זענען באַשעפטיגט אין דער יודישער שוצמאַכט און ביי פאַרשידענע בוי-אונטערנעמונגען. דאָס פאַרגרעסערט די קויף-קראַפט פון ישוב. מען הויבט איצט אָן צו בויען אַ גרויסע ראַפינעריע פאַר נאַפט אין חיפה, וואָס וועט קאָסטען ביז 5 מיליאָן פונט. 2.000 אַרבעטער וועלען זיין באַשעפטיגט ביים בוי. פון זיי — אַ באַדייטענדער טייל יודען. דער פאַרגרעסערטער אַרבעטס-מאַרק — פאַרגרעסערט די קויף-קראַפט פון דעם ישוב.

דער פּאָרט אין תל-אביב

עס וואַקסט און אַנטוויקעלט זיך דער פּאָרט אין תל-אביב, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרען אין דער צייט פון די אומרוען. אין די שווערע צייטען האָבען מיר בולט געזעהן, וואָס דער פּאָרט באַדייט. עס זענען געווען טעג, ווען מען האָט געקאָנט אַריינקומען נאָר דורך תל-אביבער פּאָרט. פאַר מיין אָפּפאָהר זענען אין פּאָרט געשטאַנען אין איין טאָג 13 שיפען. געווען אַ טאָג, ווען עס זענען אַריינגעקומען דורך תל-אביב׳ער פּאָרט 700 עולים. עס וואַקסט אַלץ מעהר זיין אימפּאָרט און עקספּאָרט. דאָס יאָהר וועלען דורך דעם פּאָרט עקספּאָרטירט ווערען 2 מיליאָן קעסטלעך אָראַנזשען. דער פּאָרט ווערט ווייטער אויסגעבויט און פאַרגרעסערט. עס אַרבעטען ביי איהם 2.000 אַרבעטער. צוזאַמען מיט חיפה׳ער פּאָרט אַרבעטען ביים ים ביז 3200 יודען.

אין חיפה איז מיט אייניגע וואָכען צוריק געעפענט געוואָרען ביים טעכניקום אַ יודישע ים-שולע מיט 40 שילער. דאָס איז אַ וויכטיגער שריט פאָרווערטס אין דער אַרבעט פאַר דער דעראָבערונג פון ים און אין דער באַוועגונג צו דערציען יודישע ים-מענשען.

די לופט-קאָמוניקאַציע

אין תל-אביב איז אויסגעבויט געוואָרען אַן אַעראָדראָם און מיר האָבען אַ יודישע לופט-ליניע תל-אביב-חיפה-ביירוט. מיר האָפען, אַז אויך אין ירושלים וועט אויסגעבויט ווערען אַן אַעראָדראָם פאַר דער ציווילער לופט-קאָמוניקאַציע. אַ יודישע חברה „נתיבי - אויר ארץ-ישראל״ באַזאָרגט די לופט-קאָמוניקאַציע.

נייע - וועגען

פאַר די יאָהרען פון די אומרוהען זענען דורכגעלייגט געוואָרען וועגען אין פערשידענע געגענטען פון לאַנד. דער וויכטיגסטער פון זיי איז דער וועג — תל-אביב — חיפה, וואָס פירט כמעט אינגאַנצען דורך יודישע ישובים. איצט איז דער ישוב מעהר נישט גענויטיגט צו פאָהרען דורך שכם, דזשענין, וואָס איז לעצטענס געווען אוממעגלעך. פיל זייטיגע וועגען צו אונזערע דערפער ווערען איצט דורכגעלייגט מיט די מיטלען פון „קרן-היסוד״ און „כופר הישוב״. די קאָמוניקאַציע אין לאַנד איז די גאַנצע צייט נישט איבערגעריסען געוואָרען. איהר ווייסט דאָך, ווי דער אידישער שאָפער האָט העלדענמוטיג געהאַלטען די פאַרבינדונג.

די עליה.

די לעצטע יאָהרען האָבען מיר שטאַרק געפיהלט די באַשרענקונגען פון דער עליה, אָבער נישט קוקענדיג אויף דעם, זענען אין די לעצטע 3 יאָר 1936-37-38 אַריינגעקומען קיין ארץ-ישראל 55.000 יודען. איבער 4000 יודען זענען אַריינגעקומען פון עסטרייך. קינדער פון דער יוגענט-עליה פון דייטשלאַנד און עסטרייך זענען אַריינגעקומען זייט היטלער — איבער 3.000 פון זיי זענען געקומען פון עסטרייך אין דער לעצטער צייט — 340. דער ישוב ציילט איצט ביז 445.000 נפשות. דער ישוב שטייט גרייט צונעמען נייע צענדליגער טויזענטער און הונדערטער טויזענטער עולים. געבען זיי אַ היים, אַרבעט און אַ ווירדיקען לעבען.

דער פּוילישער סוחרים-פעראיין אין ראַדאָם לאָזט פון זיך הערען...

נאַציאָנאַליזירען דעם האַנדעל — באָנעס פאַר אַרבייטער-אָרגאַניזאַציעס, כדי דער פּדיון זאָל אַריינפאַלן אין ריין-פּוילישע געוועלבער.

אין צוזאַמענהאַנג מיט׳ן „טאָג פון פּוילישען סוחר״, האָט געהאַלטען אַ רעפעראַט דער סעקרעטאַר פון ראַדאָמער פּוילישען סוחרים-פעראיין, פּראָפ. מגר. שומאַנסקי.

מיר ציטירען אייניגע שטעלען פון רעפעראַט, וועלכע לויטען:

„דער פּוילישער סוחרים-פעראיין רעאַליזירט שטענדיג און קאָנסעקווענט פאָלגענדע פּראָבלעמען: דאָס פערטיידיגען די אינטערעסען פון פּוילישען סוחר, פינאַנסיעלע און פאַכמענישע הילף פאַר זיינע מיטגלידער; צוזאַמענאַרבייט פון די סוחרים מיט דער געזעלשאַפט; פּלאַנמעסיגע אַקציע פון אונאַראַדאָוויען דעם האַנדעל, שאַפען נייע קעמערלעך אין געשטאַלט פון בראַנזשע - סעקציעס.

דער פּוילישער סוחרים-פעראיין טרעט צו צו גרינדען אַ קרעדיט-קאַסע, וועלכע נאָכ׳ן אָנשליסען אַ דירעקטען קאָנטאַקט מיט׳ן פּוילישען סוחר׳טום, וועט בעשאַפען גינסטיגע בעדינגונגען פאַר ביידע, נעמליך: די קרעדיט-קאַסע וועט אַרויסגעבען אַלע אַרבייטער - אָרגאַניזאַציעס, באָנעס פאַר וועלכע זיי וועלען בעקומען סחורות נאָר אין פּוילישע געשעפטען, צאָהלענדיג די פּרייז אַזוי ווי מיט מזומנים. נאָכהער וועלען זיי זיך אויסצאָהלען אין דער קאַסע מיט חודש - ראַטעס. אויף אַזאַ אופן וועט מען הויבען דעם אומזאַץ אין די ריין-פּוילישע געוועלבער.

אַ בעזונדערער פּראָבלעם שטעלט מיט זיך פאַר דאָס שאַפען פּוילישע הורטאָווניעס. מיט׳ן דאָזיגען ענין וועט זיך פערנעמען דער פּוילישער סוחרים - פעראיין מיט דער גאַנצער קראַפט.

דער פּוילישער סוחרים-פעראיין אַרדענט אין צוויי אימפּרעזעס: 1) אויפנעמען די געסט פון גרויס-פּוילען און פּאָמערען, בכדי צו בעקענען זיי מיט די מעגליכקייטען פון ראַדאָמער האַנדעל׳ס-מאַרק 2) פערבינדען אַ ענגען קאָנטאַקט מיט׳ן פּרעזעס פון דער סאָסנאָווצער האַנדעל׳ס-קאַמער אינז׳. ש. סאָווינסקי און אָרגאַניזירען אין ראַדאָם אַ צוזאַמענפאָהר פון די פּוילישע סוחרים פון 7 פּאָוויאַטען פון צאָפּ״.

אין רעפעראַט פון סעקרעטאַר שומאַנסקי ווערט דערמאָנט, אַז די „מאַכט בעציהט זיך פריינדליך צו די שריט פון פּוילישען סוחרים-פעראיין, האָבענדיג פיעל פערשטענדניש פאַר דיין טעטיגקייט אין אונזער שטאָדט״.

„די גרייטקייט פון געבען הילף דעם ראַדאָמער סוחר׳טום ווערט שוין איצט רעאַליזירט דורכ׳ן ראַדאָמער סטאַראָסטאַ, אין דער פאָרם פון אַ פעראָרדנונג וועגען די האַנדעל׳ס-שעה׳ען און וועגען די אַסאָרטימענטען פון סחורה, אין די אַזוי גערופענע „אָוואַצאַרניעס״.

„מ׳דאַרף אויך אונטערשטרייכען די גינסטיגע בעציהונג פון די ראַדאָמער באַנק און קרעדיט - אינסטיטוציעס צו פינאַנסירען די פּוילישע האַנדעלס-פּלאַצובקעס. אין דער ערשטער רייה פערדינט דערמאָנט צו ווערען די אָבטיילונג פון דער וואַרשאַווער האַנדעלס-באַנק, וועלכע האָט געשאַפען אַן אַט-מאָספער פון צוטרוי אין איינפיהרען סוחרישע קרעדיטען״.

שטאַרקט דעם ישוב דורך אַרבייט
אוקבה
OKAVA
LUXUS
OKAVA

פערנעפעלטע וועגען

ווען אַ פאָלק בלאָנדזשעט, ווען אַ פאָלק פערלירט די אָריענטאַציע האָט עס נאָך אַ רעטונג. ס׳איז דאָך פערהאַנען אַ האָפנונג, אַז זיינע פיהרער וועלען עס דערהויבען צום גלייכען פערשטאַנד און צוריקשטעלען אויף די ריכטיגע ליניע. אָבער ווען די פיהרער זענען דעזאָריענטירט, ווען די פיהרער האָבען פערלוירען די ריכטונג, דאַן איז די לאַגע קאַטאַסטראָפאַל, און מען ברויך אַלץ קאָנצענטרירען אום צו דערוועקען די בלאָנדזשענדע פיהרער זיי זאָלען קודם כל פאַר זיך אויך געפונען דעם פערלוירענעם וועג און זיי זאָלען דאָס פאָלק רעטען פון פולשטענדיגען אונטערגאַנג.

• • •

אַ שעדליכער פּראַגמאַטישער דואַליזם הערשט איצט אויף דער יודישער גאַס, ערשט נישט לאַנג ביי די וואַלען האָבען די זעלבע פיהרער געלערנט דאָס פאָלק אָבסטינענץ אָנווייזענדיג אויף די אונצוועקמעסיגקייט פון די יעצטיגע וואַהלען און שוין קומט מען צו גיין מיט וואַהל-לאָזונגען וועגען די נויטיגקייט פון אַ פולע הונדערט פּראָצענט וואַהל - פרעקווענץ.

מען ליאַרעמט, מען בעקעמפט זיך נעגעטנזייטיג, מען זידעלט די געגנער גאָר ווי אין די אַלטע גוטע צייטען. ס׳פעהלען זאָגאָר נישט קיין בעריכטען פון פאַרטיי — באָיקאָטס פון איין יודישע פאַרטיי געגען די צווייטע, גלייך אַלץ איז אָבהענגיג אין אויסוואַהל פון די ראַטמענער צום וואַרשאַווער שטאָט-ראַט.

איך ווייס, אַז מען וועט אָנווייזען אויף דעם אונטערשיד פון די סיים-וואַהלען צו די שטאָט-ראַט וואַהלען, מען וועט אָנווייזען אויף דעם „זיפּעל״, אויף די עלעקטאָרען, וועלכע האָבען צום סיים און סענאַט פער עלט דעם פרייען אויכוואַהל פון פערזאָנען, וואָס עס איז ביי די שטאָט-ראַט - וואַהלען נישט דאָ.

אָבער צו זענען מיר אַזוי נאַאיוו, צו גלויבען, אַז די שטאָדט-ראַטען וועלען קענען בעאיינפלוסען דעם פּאַרלאַמענט און די רעגירונג, מיר זאָלען גלויבען אין איתערותא דלתתא, אין אַן׳אינציאַטיוו פון אונטען, פון די שטאָדט-ראַטען וועלכע וועט דערגרייכען אַרויף העכער און העכער ביז צום סיים, סענאַט און די רעגירונג.

ניין, אַזוי נאַאיוו איז קיינער נישט און די פּאַרטיי-פיהרער אוודאי נישט, ביי די יעצטיגע בולט׳ע אַנטיסעמיטישע איינשטעלונג, וועלכע בלאָזט געגען יודענטהום האָט קיין שום זינען נישט די וואַהל-קאַמפען מיט באָיקאָטס פון יודען געגען יודען. עס האָט קיין שום זינען נישט דאָס בענוצען זיך, מיט אַ טאַקטיק פון די יאָהרען 1926 — 1932.

עס זענען דעריבער פערשטענדליך די מוטיגע האַלטונג פון אייניגע הויפּט-פּובליציסטען פון היינט; און איבערהויפּט פון ה׳ יוסטמאַן (יאושזאַהן) וועלכער וויל זיך נישט צוריהרען צום יעצטיגען שטאָדט-ראַטישען וואַהל-קאַמף.

ער געדענקט לכל זמן!

• • •

איך האָב ערגיץ געלעזען אין אַ מעדיצינישע וואָכענשריפט אַן׳אָבהאַנדלונג וועגען גינסטיגע רעזולטאַטען ביים היילען פּאַציענטען.

אין דער דערמאָהנטע אָבהאַנדלונג קומט דער אויטאָר צום אויספיהר, אַז דעם בעסטען רעזולטאַט ווערט דערגרייכט ביי די פּאַציענטען, וועלכע די שמערצליכע צושטאַנדען ברענגען זיי אין שפּיטאָל צום דאָקטאָר. דאַן וואַרפט זיך דער פּאַציענט אונטער דעם דאָקטאָר׳ס פעראָרדנונגען און פּאַסט זיך צו פולשטענדיג צו דער רעצעפּטורע; דאַגעגען לייכט קראַנקע, די אַזוי גערופענע לוקסוס-קראַנקע היילען זיך קיינמאָהל נישט אויס, ווייל זייער צושטאַנד צווינגט זיי נישט זיך צו צופּאַסען צו די פאָרגעשריבענע מעדיצינישע בעהאַנדלונג.

• • •

דער דערמאָהנטער כלל גילט אויך פאַר אַ גאַנץ פאָלק. די פּיין, אונטערדריקונג דערפיהרען שטענדיג צו דערהויבונג. וואָס טיפער די שמערצליכע פּיינונגען, העכער איז די דערהויבונג.

דאָס יודישע פאָלק געפינט זיך יעצט אין אַ פערפּייניגטען סטאַדיום. אָבער אונזערע פיהרער מוזען זיין צו געגרייט צו דעם ערהאָבענעם דערהויבונג׳ס-ציעל. זיי מוזען די פערפּייניגטע די רעטונג׳ס-מיטלען קענען דערלאַנגען.

פון אַלטען מוסטער

וילכו אחיו לרעות

דער מדרש זאָגט דאַרויף, אַז זיי זענען זיך זעלבסט געגאַנגען פּאַשען.

אַזוי הויבט עס זיך שטענדיג אָן. אַז ברידער פערלירען זייערע גייסטיגע בעדערפענישען און זוכען נאָר זייער מאַטעריעלע נוצען, זיי גייען נאָר זיך זעלבסט פּאַשען, ברענגט עס צום פערהאַנדלען און פערקויפען זייער אייגענע ברידער צו פרעמדע יאָכען און פעלקער.

וימאן להתנחם

און ער האָט זיך נישט געוואָלט טרייסטען, ווייל — זאָגט די אגדה - טרייסטען קען מען זיך נור נאָך אַ טויטען מענש, ווייל דאַן ברענגט עס די איבערגעבליבענע פאַמיליע צו רעזיגנאַציע, אָבער נאָך אַ לעבעדיגען מענש קען מען זיך נישט טרייסטען.

דאָס נישט רעזיגנירען פון יודישען פאָלק פון זיין נאַציאָנאַלע איינהייט, טראָגט זיין כסדרדיגע פּיינונגען, איז אַ סימן, אַז דאָס יודישע פאָלק לעבט, פון אַ לעבעדיגען קען מען נישט רעזיגנירען.

אהרן פרידענטהאַל.

זיבען קינדער = פליטים

זיבען קינדער!

ערשט נעכטען זענען זיי געווען צען, פופציג, הונדערט און אפשר טויזענד חברים צוזאמען, וועלכע האבען זיך אין זייער געבוירענשטאט, שטעטין, געשפילט, געשטיפט און געלערענט זיך צוזאמען. און היינט — זיבען זענען זיי.

• •

קוקט זיך איין אין די צארטע און קלוגע פנימ'ער פון די זיבען קינדער-פליטים. וויפיעל צער און בענקשאפט ליגט אויף זיי אויסגעגאסען.

קוקט זיך איין אין דעם קליינעם 5-יאהריגען יאאכים בערגער, וועט איהר זעהען ווי זיין בליק וואנדערט ווייט... ווייט... אהין צו זיין ליבע מאמע... מאמע!...

וואס פארא ליבער און צארטער קלאנג דאס איז! קיין שום אינסטרומענט איז נישט אימשטאנד אויסצושפילען די דאזיגע כישוף-מוזיק.

און ס'איז דאך קיין וואנדער: וויפעל בלוט און געזונט קאסט די מאמע ביז זי דערלעבט צו זעהען ביי איהר קינד א גרימאס, א שמייכל, די ערשטע טריטעלעך, אדער הערן דעם ערשטען קלאנג — מאמא!...

און דא — אוועקגעריסען מאמע פון קינד. איז נישט די מאמע הערט מעהר די מוזיק פון קינדס טריטלעך, פון קינדס לאכען און שפילן זיך — און נישט דאס קינד האט נישט מעהר דאס געטרייע וואכען און פלאטערען פון דער מאמען.

• • •

א סך גירושים האבען שוין יודען דורכגעמאכט, אבער דער היינטיגער „גירוש-אשכנז" איז, דוכט זיך, דער שוידערליכסטער!

מיטן ארויסטרייבען און פונאנדערשיידען טויזענטער יודישע עלטערען פון זייערע קינדער, האבען די נאציס איבערגעשטיגען אפילו דעם „גירוש-שפאניע" — די שפאנישע אינקוויזיציע".

דעמאלט האבען כאטש די אינקוויזיטארען זיך באהאלטען אונטער א רעליגיעזען מאנטעל: כדי נישט אויפצורייצען די דרויסענדיגע וועלט...

און היינט? — היינט פירט מען דאס אדורך אפען און פריי!

הפקר א וועלט!

אבער פונקט ווי מיר האבען אלע גירושים איבערגעלעבט, וועלען מיר אייך אט דעם „גירוש-אשכנז" איבערלעבען!

און דעמאלט...

דעמאלט וועלען זיך הערען אנדערע לידער און אט די יאזיס און יאאכימס וועלען אריינשרייבען א בלוטיג בלעטל אין דער געשיכטע — דייטשלאנד!

גבריאל וויסמאן

עס זיצען פון רעכטס: יאאכים לידער, יאאכים בערגער און יאזי בראנדאייס
עס שטייען פון רעכטס: גערהארד לידער, פעליקס בערגער, עדוארד בערגער און אדאלף לאנגערמאן.

נייע פארשריפטען וועגן דער צייט מעגן אפען האלטען די געוועלבער אין ראדאם.

די סטאראסטווא מיט דער פערשטענדיגונג פון ארבייט'ס-אינספעקטאר און נאכן בעקענען זיך מיט דער מיינונג פון דער זעלבסט-פערוואלטונג, האט ארויסגעגעבען א פעראָרדנונג וועגן די האנדעל'ס-שעהן אויפ'ן שטח פון דער שטאדט ראדאם.

וועלכע ענדערונגען זעהט פאר די נייע פעראָרדנונג?

די געוועלבער אין אלע ערטער פון פראפעסיאנעלען פערקויף, אויך פאטאגראפישע, פריזיר און קאלאטעכנישע אנשטאלטען קענען זיין אפען אין די געוועהנליכע טעג פון 9 אינדערפריה ביז 7 אווענד. שפייז-געוועלבער קענען זיין אפען פון 7 פריה ביז 7 אווענד.

די געוועלבער, וועלכע פערקויפען בלויז געבעקס, אדער מילכווארג, ווערט ערלויבט צו עפענען 6 אינדערפריה ביז 6 אווענד. שבת און אלע ערב-יום-טוב-טעג מעגען אלע געוועלבער, אלע פערקויפס-ערטער און פאטאגראפישע אנשטאלטען, זיין אפען פון 9 פריה ביז 9 אווענד.

דער צייטונג'ס-פערקויף אין די גאסען, אויך דער האנדעל מיט טיטין-אויסארבייטונגען קען פארקומען אין די געוועהנליכע טעג פון 7 פריה ביז 11 אווענד. מיט'ן גאסען-פערקויף ווערען געמיינט אזעלכע ערטער, אויף וועלכע דער האנדעל ווערט געפיהרט אין קוישען, טישלעך און קעסטלעך א. ז. וו. דער פערקויף פון צייטונגען און טיטון אויסארבייטונגען אין די קיאסקען, וועלכע פערנעמען זיך נישט מיט קיין אנדערען האנדעל, ווערען פעררעכענט צום מין גאסען-פערקויף. די צייט פון הפסקות, ווען די געשעפטען זענען פערמאכט, ווערט בעטראכט אלס נארמאלע האנדעלס-שעה.

אין אלע טעג פון דער וואך קענען זיין אפען רעסטאראנען פון ערשטער און צווייטער-קאטעגאריע — פון 7 ביז 11 ביינאכט; פון דריטער קאטעגאריע — פון 7 ביז 10 ביינאכט; בודקעס און קיאסקען אין וועלכע ס'ווערען פערקויפט קאלטע געטראנקען און נישט קיין אנדערע סחורות — פון 9 פריה ביז 9 אווענד. פון 1 קוויעטשען ביז 30-טען ווזשעשיען — פון 9 ביז 11 ביינאכט.

פון 18 ביזן 23 גרודזיען איינשליסלעך און פון וויעלקי פאניעדזיאלעק ביז דעם וויעלקי פיאנטעק איינשליסלעך, קענען די שפייז-געוועלבער זיין אפען פון 7 פריה ביז 9 אווענד. אלע אנדערע האנדעלס-לאקאלען פון 9 ביז 9.

אין דער ווייי-נאכט און וויעלקא סאבאטא קענען די געוועלבער, פאטאגראפישע אין פריזיר-אנשטאלטען, זיין אפען ביז 6 אווענד.

פאר עובר זיין אויף דער אנגעוויזענער צייט דראט מיט שטראף ביז 2000 זל. און ארעסט ביז 6 וואכען אין ביידע צוזאמען.

דאס שענסטע חנוכה = געלד.

עס איז שוין חנוכה. און ווי דער מנהג איז זייט דור-דורות, ריכטען זיך די קינדער און דאס עלטערע יונגוואַרג אויף חנוכה-געלד פון טאטע-מאמע און קרובים. די ערציהעריש-בעסטע, קליגסטע און צוועקמעסיגסטע מתנה, וואס וועט געבען סיי נחת-רוח און סיי נוצען, איז זיכער א פרעמירט ביכעל פון פ. ק. א. די גרעסטע טובה פארן קינד און דער בעסטער בעוויז פון זארג פון זיין צוקונפט איז דאס פרעמירטע פ. ק. א.-ביכעל, וואס לערענט די אויפוואקסענדע יוגענד אויסדויער און געוואוינט זי צו אבשפארען. געבענדיג גלייכצייטיג די מעגליכקייט צו בילדען, לערנען א פאך א. ד. גל.

חוץ די אפשפארונגען בעקומט מען אויך די שאנסען צו געווינען פרעמיעס, וואס בעטרעפט צו 500, 250, 100 און 50 זל. און וואס זייער ציהונג קומט פאר יעדע דריי חדשים.

נאך דריי יאהר שפארונגען קען דאס פרעמירטע ביכעל דינען ווי א קליינע הלוואה-קאסע, וואס אין דרינגענדע פאלען העלפט זי ארויס. פ. ק. א. גיט ארויס, ווען מען לעגט איין דאס ביכל, הלוואות ביז 80 פראצ. פון די אפשפארונגען. דערביי בעטייליגט זיך אבער דאס ביכעל אין די פרעמיעס-ציהונגען, וואס קומען פאר אין דער צווישענצייט.

די אלע מעלות האט מען פון 5 זלאטיגע איינצאהלונגען יעדען חודש, וואס עס בעטרעפט בסך-הכל 17 גראשן א טאג. זאל-זשע די דאזיגע מתנה לכבוד חנוכה ווערען א קוואל פון פרייד פאר'ן יונגוואַרג.

ראדאמער קימפעטארען = פעראיין שטעלט אויף אנ'אנשטאלט פאר ארימע יודישע געווינערינס.

אויף דער זיצונג פון קימפעטארען-פעראיין היינטיגען מאנטאג, איז ערנסט ארומגערעדט געווארען די פראגע פון איינארדנען א קליניק פאר ארימע יודישע געווינערינס. ביים היינטיגן טאג ענטוויקעלט די אינסטיטוציע א נוצליכע טעטיגקייט, שטיצענדיג דער ארימער יודישער געווינערין מיט וועש, געלד און מיט אנ'אומזיסטע אקושערקע. דאס בעפרידיגט אבער נאך נישט דעם קימפעטארען-פעראיין, וועלכער שטרעבט זיין טעטיגקייט נאך מעהר אויסצוברייטערן. צו דעם צוועק וויל דער פעראיין איינארדנען א קליניק, וואו די געווינערין זאל קענען געבארען ביי בעסערע היגיענישע בעדינגונגען און וואו זי זאל קענען געניסען 8 טעג פון גוטע פלעגע און מעדיצינישע אבסערוואציע.

די מיטגלידערינס פון קימפעטארען-פעראיין, וועלכע בעזוכען די ארימע, פינסטערע קעלערס און בוידעמס פון די יודישע געווינערינס, האבען שוין נישט איינמאהל פעסטגעשטעלט, אז געבארען א קינד אין אזעלכע אנטי-היגיענישע בעדינגונגען, שמעקט אפטמאהל מיט א לעבענס-געפאהר אזוי פאר דער יולדת און אזוי פארן נייגעבארענעם קינד. זיי האבען דעריבער ארויסגערוקט די פראגע פון אזא אנשטאלט אלס דרינגענדע אויפגאבע, וועלכע מוז רעאליזירט ווערען.

די לעצטע זיצונג איז כמעט אינגאנצען געווען געווידמעט דאס פערווירקליכען דעם פלאן פון א קימפעטארען-אנשטאלט. נאך א לענגערע דיסקוסיע איז אנגענומען געווארען, אז דער קימפעטארען-פעראיין זאל אבקויפען אלס איינענטום עטליכע צימערן און דארט איינארדנען אנ'אנשטאלט, פאר ארימע געווינערינס.

אין גאנג פון דער דיסקוסיע איז אויך באריהרט געווארען די פראגע, צי אזא אנשטאלט קען נישט אויפגעשטעלט ווערען ביים יודישען שפיטאל. אין צוזאמענהאנג דערמיט זענען דעלעגירט געווארען די פרויען: פעליא זיגמאן, באלטשע פישמאן און דארקא קאדענטשיק צו פערטראקטירען מיט'ן דירעקטאר פון יודישען שפיטאל ד"ר קליינבערגער.

אויף דער קאנפערענץ האט ד"ר קליינבערגער פארגעלעגט דער פרויען-דעלעגאציע פאלגענדע בעדינגונגען:

דער קימפעטארען-פעראיין זאל רעמאנטירען און דורכפיהרען געוויסע אינוועסטיציעס אין דער וואהנונג פון געוועזענעם אינטענדענט אדלער. די וואהנונג בעשטעהט פון דריי צימערן מיט א קיך. דאס ברויך קאסטען פון 4 ביז 5 טויזענד זלאטעס און דאס זאל דעקען דער קימפעטארען-פעראיין, ווען עס וועט פארגעשטעלט ווערען א גענויער חשבון מיט אנ'אויספיהרליכען פלאן.

פאר דעם וועט דער קימפעטארען-פעראיין בעקומען: א געבורטס-זאהל, צוויי צימערען פאר די וועכנערינ'ס, בעטען, בעטגעוואנד, באדע-צימער, וואסער-לייטונג, אביקאציע, בעהייצונג, בעלויכטונג, דינערשאפט, מעדיצינישע הילף, אקושערקעס, פלעגערינ'ס. מיט איין ווארט א קאמפארטאבלע איינריכטונג.

אין נאך איין פונקט איז דא. חוץ די 4 — 5 טויזענד זלאטעס, וועט דער קימפעטארען-פעראיין ברויכען צאהלען פאר דיעטע 4 זלאטעס טעגליך פון יעדער יודישע געווינערין.

דער קימפעטארען-פעראיין וועט אויף זיין נעכסטער זיצונג ענטגילטיג בעשליסען וועגען די פארשלאגען פון ד"ר קליינבערגער.

אלענפאל'ס דער ענין האלט זיך ביי ריהרען פון טויטען פונקט.

א מלחמה אויפ'ן... שאך = ברעט

וועגען שאך=סעאנס פונם יודישען מייסטער, ניידארף.

טעג דאס היטלער-לאנד פארטרייבען און פארברענען די גרויסע ווערק פון די איינשטיינס, פרוידס און וואסערמאנס — ס'וועט זיי נישט העלפען! ס'וועט נישט געלונגען דעם גייסט צו פארשפארען! וועט מען זיי, די גרויסע גייסטער פארטרייבען פון דייטשלאנד — וועט זיי אמעריקא, ענגלאנד און אנדערע לענדער אויפנעמען מיט אפענע ארעמס.

און מעגען אויך אונזערע היימישע יודען-„פריינד" אפשפעטען און אפחוזקן פון אונז — ס'וועט זיי אויך ווינציג וואס העלפען!

זיי קענען, העכסטענס, פאר'עיפוש'ן עטלעכע קעסטלעך פאמעראנצען, קאנסערוען, שפראטען, טשעקאלאדע און אנדערע פרוכטען און זיסווארג מיט זייערע שטינק-באמבעס, וואס ווערן געווארפען אין די יודישע געשעפטען — דעם מוח אבער און די לאגיק דערלאזען נישט דעם ריח, וואס עס דערלאזט א סארדינקע...

ס'וועט זיי נישט העלפען!

אנטקייגען וואס מיר זאגען דאס? — אנטקייגען דעם שאך-מייסטער, ניידארף וואס האט דעם פערגאנגענעם שבת-צונאכטס דורכגעפיהרט א שאך-סעאנס ביי אונז אין ראדאם.

וואס וואלטען, א שטייגער, אונזערע היימישע אנטיסעמיטען זיך געטראכט, ווען זיי זעהען דעם יוד, ניידארף, שפילען אין שאך?

אבער... ווען געהט דאס אן זייערע טראכטונגען? איבריקענס: גלייכער אזוי! גלייכער, וואס זיי האבען נישט געזעהן און פערשפארט צו האבען, חלילה, אביסעלע פרייד... (ביים פערגעסען זיך, אז ניידארף איז א... יוד) אבער אויך נישט ווינציג עגמת-נפש...

וועלען מיר זיך דעריבער טיילען מיט די שאך-איינדרוקען מיט אונזערע לעזער און זאלען זיי, די לעזער אונזערע, האבען א קאפעטשקע פרייד.

— ווי אזוי ניידארף האט געשפילט?

— דאס, זעהט איהר, קען איך אייך, לוידער נישט איבערגעבען. אבער נישט דערפאר, חלילה, חייל איך בין אזא שלעכטער, אדער אן עגאיסט, וואס חיל זיך נישט טיילען מיט די פריידיגע איינדרוקען, נאר פשוט: דער שרייבער פון די שורות איז נישט אזא גרויסער חריף אין דער שאך-קונסט. נאר פונדעסטוועגען — א מבין איז ער פארט! ווי זאגט מען: אויף א גוטען קעז-קוכען איז דער ערגסטער מבין — אויך א מבין...

לאמיר, דעריבער, דערצעהלען אויף אונזער שטייגער:

15 געגנער האט געהאט פאר זיך דער גאסט, ניידארף, וועלכער איז ארומגעגאנגען ווי א גענעראל אויפ'ן שלאכטפעלד ארום די צוויי לאנגע טישען, ארום וועלכע די געגנער זענען פערבאריקאדירט געווען מיט זייערע שאך-ברעטער און — דעם האט ער אנגעגריפען, יענעם — אפגעשטויסען, א דריטען — סתם נישט געלאזען קומען צום ווארט, אנדערע ווידער — צו ביסלעכווייז געשלאגען: דא, א לויפער, א טורעם, א פעהנדעל, א מלכה און דארט — געפאנגען דעם מלך...

און אלץ אזוי רוהיג, געלאסען, און דער עיקר: אהן איין ווארט. אפילו די אויגען נישט אויפגעהויבען צום געגנערישען שפילער. פאר איהם האט עגזיסטירט איין איינציגער שונא — דאס שאך-ברעט.

זענען טאקע זיינע קלוגע טיפע אויגען געלאפען איבער די שלאכט-פעלדער — מעשה גענעראל — און ביי וועמען ווינציגער אדער מעהרער זיך פערהאלטען: איז דער שונא געווען א שוואכער איז איינס-צוויי א צוג און — יענער איז אין דער קלעם; איז עס אבער געווען אן ערנסטער געגנער — איז עס וואס לענגער פערהאלטען זיך, אבער — אלע, אפילו די בעסטע פון זיי, האבען געמוזט... פערשפילען! (מיט'ן אויסנאם פון איין רעווי-פארטיע).

מען דארף אבער נישט פערגעסען, אז די געגנער האבען זיך געפינען אין א פיל בעסערע פאזיציע פאר'ן גאסט, וועלכער האט געהאט צו קעמפען מיט 15 פערשידענע געגנער, דערביי ארומלויפענדיג גאנצע 4 שעה נאכאנאנד פון איין ברעט צום צווייטען, וואס דאס אליין האט געניג געקענט אויסמאטערען אזוי, אז מ'זאל בעקומען קאפ-שווינדעל...

דאגעגען זענען די געגנער געזעסען די גאנצע צייט אויף אן ארט און דערצו האבען אלע (א חוץ טוביה רוטמאן און פיינקינד) געהאט הינטערן פלייצע א האלב טוץ קיבעצער, וואס האבען אריינגעקלעפט, געוויזען און געלערנט דעם שפילער. אין איהר ווייסט דאך, אז 10 פאר אויגען איז נישט — צוויי. בעזונדער זאגט מען דאך, אז „א גאסט אויף א ווייל, זעהט אויף א מייל" — דאס, וואס דער שפילער האט נישט דערזעהן האבען די קיבעצער געזעהן.

דאך, ווי שוין געזאגט, האבען אלע — ווער פריהער און ווער שפעטער-געמוזט פערשפילען.

אבער נישט דער זיג פונם גאסט, ניידארף, האט אונז איבערראשט, ווייל אויף דעם האט מען זיך פון פאראויס געריכט; נישט אומזיסט טראגט ער דאך דעם טיטול: מייסטער! וואס עס האט יא איבערראשט איז: דער פענאמענאלער זכרון זיינער! מען דארף ממש פערמאגן א זעקסטען חוש כדי צו געדענקען אין שעה'ן שפעטער יעדענס פארטיע באזונדער. אבער אויך דאס ארט שפילען האט איבערראשט. נישט קיין שפיל איז עס געווען, נאר אויסגעקלאפט אויף די שאך-קעסטלעך א הערליכע סימפאניע.

ניין, ס'וועט זיי די „גאזעטא-ראדאמסקיס" און אנדערע „פריינד" אונזערע גארנישט העלפען!

דעמאלט, ווען נישט די פויסט דעצידירט, נאר דער גייסט — וועט זיי נישט העלפען!

אלבירג

מאיר הערץ.

א פאלקס-מעשה'לע

חילול-שבת

(סוף)

– איך בין גוזר אויף דיר אין נאָמען פון גאָט און זיין הייליגער תורה, זאָלסט מיר זאָגען דעם וועג, דורך וואָגען איך וועל קאָנען אַנטרינען ווערען און בשכר זה וועל איך דיך ברענגען צו קבר-ישראל. – האָט דער רב גערעדט מיט טרעהרען אין די אויגען און דערביי אַרויסגעזאָגט פערשידענע שמות און צרופים.

האָט זיך דער קאָפּ אָנגעהויבען וואַרפען און ציטערען, האָט געקנאַקט מיט די ציין און געזאָגט:

– איך קאָן מעהר נישט אויסהאַלטען. די הייליגע שמות בריהען מיין מוח, ווי פייערדיגע נאָדלען. הער מיך אויס: נישט ווייט פון דיר געפינט זיך אַ טיעפער גרוב. וואָס, נישט? קוק דיך אום, נאָר הער: דער גרוב איז קיין גרוב נישט. דאָס האָבען סתם אַזוי די מכשפים געמאַכט, כדי די געפאַנגענע זאָלען מורא האָבען צו אַנטלויפען. אין דער אמת'ן איז עס גלייכע ערד, און זאָלסט דאָרט אַרום אַנטלויפען. זאָלסט גאָר קיין מורא נישט האָבען, נאָר געהן גלייך אַזוי לאַנג, ביז דו וועסט אַרויסקומען הינטער דער שטאָדט, און פון דאָרט וועסטו ווייטער לויפען. נאָר געדענק, נעם פון אונטער מיין צונג זעהר פאָמעליך אָפּער דעם שם-המפורש און זיי מיך קובר צווישען יודען.

האָט דער רב אַזוי געטהון. ווי נאָר ער האָט אָפּגענומען דעם שם פון אונטער דער צונג, האָט דער קאָפּ אַ שטאַרקען זיפץ געטהון, ווי ס'וואָלט איהם זעהר וועה-געטהון, און פון דער רגע איז דער קאָפּ טויט געבליבען.

האָט איהם דער רב גענומען אונטער'ן כאַלאַט און אָנגעהויבען שטעלען טריט אויפ'ן גרוב. צוערשט האָט ער געפּרובט מיט איין פוס... טאָמער, טאָמער... נאָר אַז ער האָט בחוש דערפיהלט אונטער'ן פוס ערד, האָט ער שוין דרייסטער און זיכערער גענומען געהן.

איז ער אַזוי געגאַנגען און געגאַנגען שעה'ן מיט טעג, ביז ער איז אַרויס אויף דער ליכטיגער וועלט.

דריי טעג מיט דריי נעכט איז ער געלאָפען, ביז ער איז געקומען צו אַ יודישען בית-הקברות. איז ער דאָרט אַריין, געבראַכט דעם קאָפּ צו קבר-ישראל, און אַזוי ווי ס'איז גראָד שוין צוגעפאַלען די נאַכט, איז ער שוין געבליבען דאָרט נעכטיגען.

אַז ס'איז געוואָרען טאָג, האָט דער רב ווייטער גענומען געהן און אָנגעהויבען בלאָנדזשען אָהן אַנ'אויסוועג.

איז ער געגאַנגען שטעג-איין, שטעג-אויס, ביז ס'איז גוט פינסטער געוואָרען. האָט ער זיך צווישען די טיפע סקאַלעס בעהאַלטען און געזעהן ווי גאַנצע כמאַרעס וואָרנעס פליהען אין דער הויך מיט אַ קראַקעריי און געשריי, און אַלע לויפען זיי גלייך אָהין אין אַ ליכטיג הויז אַריין. איז ער אויך אַהינגעגאַנגען און איז אַריינגעקומען אין אַ פּרעכטיגען פּאַלאַץ, וואו פאַליעס ליכט האָבען פערבלענדט די אויגען.

אין גרעסטען זאַהל איז געשטאַנען אַ גאָלדענע טראָהן-שטוהל אַרומבעוואַכט מיט אַ גוואַרדיע פון יונגעלייט, מיט גאָלע, בלאַנקענדיגע שווערדען, אָנגעטהון אין גאָלד און זילבער.

מ'האָט דעם קיסר אַהערגעזעצט אויפ'ן טראָהן און ער האָט געמ'משפּט. ס'זענען אַוועק אַ פּאָר רגע'ס נאָך חצות – און דער קיסר איז באַלד צעריסען געוואָרען דורך זיינע אונטערטאַנען און קנעכט, די שדים, אַזוי אַז ס'איז קיין שריד ופליט נישט געבליבען פון אַלעם. אַלץ איז זיך מיט אַ טייוולישער שנעלקייט צעלאָפען און אין פּאַלאַץ איז אַלץ פערלאָשען געוואָרען. אַזוי איז געווען נאַכט נאָך נאַכט.

איינמאָהל, בעת אַזאַ פּאַראַד פאַר חצות, געהט צו צום רב אַ וואָלף און רעדט צו איהם:

– זאָגט נאָר, ר' יצחק'ל רב, ווי קומט איהר דאָ אַהער?

ווערט דער רב זעהר דערשראָקען און קאָן נישט אויסרעדען אַ וואָרט.

און דער וואָלף רעדט ווייטער:

– איהר שרעקט אייך, זעה איך, ר' יצחק'ל, איהר דערקענט מיך נישט? איך בין דאָך וועלוועלע בעל-עבירה'ניק, וואָס איז נישט לאַנג געשטאָרבען אין אייער שטיבעל.

דער רב האָט באמת דערקענט אין וואָלפ'ס רעדען וועלוועלע בעל-עבירה-ניק, און ער האָט זיך איינגעגאַנצען געוואָרפען אין אימה. אַנגריהרען איהם האָט ער מורא-געהאַט. האָט ער זיך צעוויינט און געבעטען דעם וואָלף, מ'זאָל איהם אַהיימפיהרען.

ס'איז געווען דאָנערשטאָג ביינאַכט פאַר חצות. דערזעלבער פּאַראַד, וואָס אַלע נאַכט אין דער צייט. בשעת דער קיסר איז געזעסען אויפ'ן טראָהן, איז צוגעגאַנגען דער וואָלף, זיך געבוקט און דערצעהלט, אַז דאָ אין פּאַלאַץ איז פערהאַן אַ פערבלאָנדזשעטער מענש, דער רב פון זיין שטעדטעל, און געבעטען ערלויבניש איהם אָבצופיהרען אַהיים.

האָט דער קיסר איהם ערלויבט. און דער וואָלף האָט אַ כאַפּ-געטהון דעם רב אויף זיין רוקען און געפלויגען מיט איהם אַ גאַנצען מעת-לעת.

פרייטאָג פאַרנאַכט, ווען זיי זענען געווען נאָך אַ שפּאַר שטיקעל וועג'ס פאַר'ן שטעדטעל, האָט דער וואָלף געזאָגט צום רב:

– געדענקט רבי, למען-השם, איהר זאָלט נישט אויסרעדען אַ וואָרט, ביז איהר וועט נישט זיין ביי אייך אין שטוב.

דער וואָלף איז פערשוואונדען, און דער רב, פאַר גרויס בענקשאַפט צו זיין ווייב און קינדער און אויך פאַר גרויס צערודערונג, האָט פערגעסען, אַז ס'איז פרייטאָג שפּעט פאַרנאַכט, האָט ער זיך געלאָזט צו-פוס אין שטעדטעל אַריין, וואוהין ער איז אָנגעקומען ערשט אַ שטיק נאָך קבלת-שבת.

אַז דער רב האָט דערזעהן שבת-ליכטלעך אַרויסצאַנקען פון אַלע פענסטער, האָט ער זיך דערמאָהנט, אַז ס'איז שבת.

ווען דאָס שטעדטעל האָט זיך דערפון דערוואוסט, און איידער מען האָט אויסגעהערט דעם רב'ס געשיכטע, האָבען אַלע געהאַט תרעומות, וואָס דער רב האָט מחלל-שבת-געווען.

ערשט דעמאָלט האָט זיך דער רב געכאַפּט און פערשטאַנען דעם פירוש פון צדיק'ס ווערטער:

– געדענק, דו זאָלסט נישט מחלל-שבת-זיין!

אָט, וואָס עס איז דער טייטש: דער כוח פון אַ ווייטען קוק!...

י. ב. שטריימאַן

די ווערבע טונקט די דאַרע הענט

פון דעם קעלער טראָגט זיך שוין
דער געשמאַק פון עפּל
און דער בוים טוישט די קרוין
אויף אַן אָרעם צעפּעל.

די ראָסע ציט אַרויס פון גראָז
די פאַרבען שוין די גרינע
און פון וואַלד אַנטלויפט דער האָז
פאַר די, צרייצטע בינען.

ס'טאַנצט די גריל אַרום אין פעלד
זי האָט נאָך וואָס צו עסען,
דער צפון בלאָזט שוין מיט אַ קעלט
און רויטלט די ציפּרעסן.

די ווערבע טונקט די דאַרע הענט
אין טייכעלע דעם קילן,
ערשט נעכטן האָט די זון געברענט
און היינט – די הינט נאָר בילן.

דער פאַסטוך מאַכט אַ פייערל
און בראָט זיך צו קאַרטאָפל.
ער שאָבט זיך אָפּ אַ מייערל
און יאָגט זיך נאָך אַן עופ'ל.

די וועווירקע קנאַקט די ניס
און לאָזט די שאָל אַרונטער,
אַ פליג פאַרלוירען האָט אַ פוס
פאַר שרעק – ס'גייט צו ווינטער.

און דער אַקער פילט זיך מיד
אַ געלעגער ער טוט זיך בעטן
און די ערד זי קלעבט ווי קיט
ס'איז שווער אויף איהר צוטרעטן.

הערשעלע

חנוכה

(פאָלקסטימליד)

חנוכה אין שטעדטעלע,
יום-טוב אינדערוואָכען;
ווינטער-ווייס די נעכטעלעך
בלאַנקען מיט בטחון. –

אָנגעצונדען ליכטעלעך,
איינגעהייצט דעם קוימען;
פּרעגעלט מען די גריוועס –
ס'פּסח-שמאַלץ צו שוימען...

דרויסען ווייס די שנייעלעך
זילבערן פונאַנדער;
שליטעלעך און גלעקעלעך
שאַלען דורך אין וואַנדער. –

חדר-פריי די קינדערלעך
איילען צו משפחה;
קלויבען זיך צו קערמישען
פּרובען די הצלחה. –

איבער מאַרק און געסלעך
שטויב פאַר שטויב צעוואָרימט;
שפּילען אויף די טרובאַרעס –
זעלנער-מאַרש צעליאַרעמט. –

יונגוואַרג אין די באַשליקעס,
פלעכטען ענג אין קרענצעל;
לאָזען זיך אויף גליטש אַוועק
אין אַ שדים-טענצעל – – –

טאַטע-מאַמע פרעהליכע
רחבות'דיגע און איידעל;
טיילען צדקה אָרימע,
קליינוואַרג – געלד צו דריידעל. –

אויפ'ן טיש די טערניטשקע,
גומערן און קויטלעך;
ווילט מען זיך ביז האַלבע נאַכט,
היימיש און געמיטלעך.

מען דערצעהלט זיך מעשה'לעך
פונ'ם וואונדער-לעבען;
פון די חשמונאים-לייט
זייער קאַמף און שטרעבען...

מען דערמאָהנט זיך אינ'ם נס,
קוועלט אָן פון נצחון;
חנוכה אין שטעדטעלע –
יום-טוב אינדערוואָכען.

עטליכע טרויעריגע בלעטלעך פון אַ טאָג-בוך פון אַ ראַדאָמער יודישען פּליט.

ליבער פריינד רעדאַקטאָר!

דאָ שרייבט צו אייך איינער פון אַ סך געליטענע און פערטריבענע יודען פון דייטשלאַנד. איהר קענט מיך געוויס נישט. מעגלעך, אַז מיין נאָמען איז אייך יאָ בעקאַנט. אָבער איך וויל נישט און קען נישט מיין נאָמען אַרויסשרייבן. איהר וועט אַליין פערשטעהען פאַרוואָס. איך קען אַ סך יודען פון אייער שטאָט און אויך פיעל פון זיי וואָלטען מיך דערקענט, ווען זיי ווייסען, ווער עס איז דער שרייבער פון די דאָזיגע שורות. אָבער, ווי שוין פריהער דערמאָנט, מוז איך האַלטען מיין נאָמען אין שטרענגער געהיימניס.

איך וויל אייך איבערגעבען, פריינד רעדאַקטאָר, בלויז אַ פּאָר בלעטלעך פון מיין טאָג-בוך, וואו מיין ביטערער גורל האָט אַריינגעשריבען צרות און פּיין. וועלכע לאָזען מיך פּשוט נישט צוגלויבען, אַז איך האָב זיי איבערגעלעבט אויף אייגענער הויט. טיילמאָל דוכט זיך מיר אויס, אַז דאָס איז אַ חלום, אָדער אַ קינאָ-בילד, וואָס די שטורמישע פאַנטאַזיע פון אַ שרייבער האָט אויסגעטראַכט. די נאָהנטע דיסטאַנץ מיט'ן געשעהענעם מאַכט מיך אָבער ניכטער און וועקט אויף אין מיר בילדער פון טראַגישע ווירקליכקייט.

ניין, ס'איז נישט געווען קיין חלום... איך פיהל, אַז איך בין קראַנק און צעבראָכען. איך האָב איבערגעלעבט שרעקליכע טעג און גרויזאַמע נעכט, כ'פערערשטעה נישט פאַרוואָס איך בין נישט משוגע געוואָרען פון צרות און יסורים.

מיט 30 יאָהר צוריק בין איך אַוועק פון ראַדאָם. כ'האָב געוואַנדערט איבער לענדער און שטעדט, ביז כ'האָב מיך ענדלעך דערשלאָגען קיין בערלין. כ'האָב מיך דאָרט איינגעאָרדענט, געאַרבייט, געהאַנדעלט און עהרליך פערדינט אויף מיין חיונה. כ'האָב חתונה געהאַט מיט אַ יודיש מיידעל פון דייטשלאַנד, וועלכע האָט מיר געבוירען צוויי קינדער: אַ זוהן מיט אַ טאָכטער. כ'בין געוואָרען אַ פאַמיליען מענש מיט גרעסערע פליכטען און כ'בין פונדעסטוועגען נישט אַרויסגעפאַלען פון דער וועלט. כ'בין געוואָרען נאָך מעהר אַרבייטסזאַמער, מעהר פלייסיגער. דאָס מזל האָט מיר אויך צוגעשמייכעלט און ביסלעכווייז, ביסלעכווייז האָב איך מיך אַרויפגעאַרבייט צו אַ גוט מאַטעריעל-סיטואירטען מאַן. מיין יאָזעף און מיין יודיטאַ האָב איך געשיקט אין גימנאַזיע, נאָכהער אויפן אוניווערזיטעט, אָבער דאַן האָט זיך געמאַכט שלעכט, ביטער. אונזער יודישער מזל איז פערדעקט געוואָרען מיט אַ פינסטערע כמאַרע. עס איז געקומען דאָס, וואָס אַלע ווייסען שוין אַ צינד.

ביי מיר אין הויז איז, חוץ די אַלגעמיינע יודישע צרה, פאָרגעקומען אַ פּערזענלעכע טראַגעדיע. אין מיין זוהן יאָזעף האָט זיך פערליבט אַ דייטשקע, אַנ'„אַריערין”, אַ טאָכטער פון אַ נאַצי-גדול. זיי האָבען זיך בעקענט אויפן אוניווערזיטעט און די בעקאַנטשאַפט איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ הייסע ליבע. ווען מיין זוהן האָט מיר פאָרגעשטעלט זיין מיידעל, האָב איך אויסגעציטערט. איך האָב זיך געבעטען ביי זיי:

– קינדער. יאָזעף, גרעטאַ, וואָס טוט זיך מיט אייך, צי זעהט איהר דען נישט, וואָס דאָ געהט פאָר? איר שפּילט אייך מיט פייער. יאָזעף דו ביסט אַ יוד און דו, גרעטאַ ביסט אַנ'אַריערין. אייער ליבע איז פערבאָטען און מ'וועט אייך שווער בעשטראָפען פאַר ראַסען-שאַנדע. גרעטאַ, דיין טאַטע איז אַ נאַצי, ברויכסטו וויסען די היינטיגע געזעצען אין דייטשלאַנד. קינדער וואָס טהוט איהר? איהר ברענגט אויף אייך אַליין אַ גרויס אומגליק!

יאָזעף און גרעטאַ האָבען זיך אַרומגענומען און זיך צעוויינט. מיין יאָזעף איז געווען בלאַס און דערשראָקען. ער האָט געטוליעט צו זיך דאָס דייטשע מיידעל און זיך געבעטען ביי איהר:

– גרעטאַ, געה אַ היים, זעהסט דאָך ווי מיר יודען זעהען דאָס אויס. געה, איך וועל אויף דיר וואַרטען, אַזוי לאַנג, ביז די צייטען וועלען זיך ענדערען צום גינסטען פאַר אונז. שטעל נישט איין דיין לעבען. ביסט נאָך יונג. פאַרוואָס זאָלסטו ליידען צוליב מיר. געה גרעטאַ, געה. איך וועל דיך קיינמאָהל נישט פערגעסען –

גרעטאַ האָט זיך נישט געוואָלט שיידען. אין איהרע אויגען זענען געשטאַנען טרערען. זי האָט פעסטער אַרומגעאַרעמט יאָזעפ'ען, געלעגט דעם קאָפּ אויף זיין האַרץ און געוויינט האַרצרייסענד:

– ניין, יאָזעף, איך געה נישט מעהר אַהיים. איך בלייב דאָ ביי דיר, אין דיין טאַטענ'ס הויז. איך וויל אַ יודין ווערען. שטויס מיך נישט אָב. איך קען אָהן דיר נישט לעבען. פון ערשטען אויגענבליק, וואָס איך האָב דיך דערקענט, האָסטו געפונען מיין האַרץ, מיין נשמה און איך האָב בעשלאָסען איבערצוגעהן אויף דיין גלויבען. איך ווייס די יודען איז שלעכט, אָבער ווי שעהן און הייליג זעהט איהר אויס – אין אייערע ליידען.

ס'האָט נישט געהאָלפען מיין רעדען, מיין בעטען, מיין אויפווייזען, אַז דאָס קען איצט נישט געשעהן. פון איבערגעהן צום יודישען גלויבען קען מען אין איצטיגען היטלער-דייטשלאַנד נישט חלומ'ען. מען טאָר עס נישט אַפילו פאַר'ן מויל ברענגען. איך בין גרעטאַ צו די פיס געפאַלען און געבעטען ביי איהר זי זאָל אויף אונז רחמנות האָבען, ווייל קוים דערוויסט מען זיך, אַז זי איז ביי אונז – און דאָס וועט מען געוויס זיך ערפאַהרען, ווייל ס'גאַנצע לאַנד איז פול מיט געהיימע אויגען, וועט מען אונז אַלע אַריינשליידערען אין קאָנצענטראַציע-לאַגער, און דאַן דראָהט אונז אַ גרויסע סכנה, דאַן איז אונזער לעבען איינגעשטעלט.

גרעטאַ האָט זיך נישט געלאָזט איבערצייגען. שטאָל און אייזען איז זי געבליבען ביי איהר בעשלוס: זי וועט נישט געהן. זי וועט ביין הויז נישט פערלאָזען. אַפילו ווען מ'וועט זי טרייבען. זי האָט נישט קיין מורא פאַר קאָנצענטראַציע-לאַגער. זי וועט זיך פון דאָרט אַרויסרייסען און – אויך יאָזעפ'ן רעטען און דאַן אַנטלויפען. אַנטלויפען מיט איהם אין דער וועלט אַריין.

און גרעטאַ איז געבליבען ביי מיר אין הויז דריי טעג און דריי נעכט. דאָס זענען געווען טעג פון ציטערניש און פחד. נעכט פון קאָנוואולסיע און טויט-שרעק. ענדליך האָט מען זיך דערוויסט, אַז גרעטאַ איז ביי מיר און דאַן האָט זיך אָנגעהויבען דאָס ריכטיגע גיהנום.

(ווייטער קומט)

אריינגעוואָרפען א שטינק-באמבע

שוין צום דריטען מאהל — אין א יודיש געשעפט.

אין פרוכטען-געשעפט פון ה׳ קיילער אויף פילסודסקי 17 האָט מען זונטאָג אריינגעוואָרפען א פלעשעל מיט א שטינקענדיגע פליסיגקייט. דאָס פלעשעל האָט אויסגעהאקט דאָס שויפענסטער און פערניכטעט סחורה אין דער ווערטה פון 1500 זל.

שטינק-באָמבעס אין קיילער׳ס פרוכטען-געשעפט איז נישט קיין „נייעס״ אין דער לעצטער צייט האָט מען שוין דאָרט אריינגעוואָרפען דריי באָמבעס: דריי מאָהל איז פערניכטעט געוואָרען די סחורה פון דעם אונפערמעגליכען געוועלב-אייגענטימער.

דער „ראַבאָטניק״ שרייבענדיג וועגען דעם דאָזיגען פאַל בעמערקט:

„צוויי מאָהל זענען די וואָרפער׳ס געוועזען „אונבעקאַנטע״, ביים דריטען מאָהל איז אויך דער „העלד״ ביז יעצט נישט קיין „בעקאַנטער״.

די עפענטליכע מיינונג ווייזט דאָך אָן מיט׳ן פינגער אויפ׳ן אייגענטליכען, הגם נישט דירעקטען וואָרפער פון די שטינק-באָמבעס אין פרוכטען-געשעפט אויף פילסודסקי 17.

מען דאַרף רעכענען, אז דאָס מאָהל וועט דער פאָליצייאישער מאַכט זיך איינגעבען צו ענטדעקען דעם „באָמביסט״.

זאָל זיך דער שטינק-באָמבער איבערצייגען, אז ביז דריי מאָהל איז א קונץ״...

נו, ווער איז איצט אַן אויסנוצער?

אזוי האט אויסגעשריגען א קריסטליכער קונה צו די פיקעטניקעס

דער שידלאָווצער איינוואוינער, ה׳ לייביש אייזענבערג איז געקומען אין אונזער רעדאַקציע און דערציילט, אז זייענדיג דעם פערנאַנגענעם דינסטאָג אין סקאַרזשיסק, האָט ער זיך צוגעזעהען אויף וואָס פאַרא אופן מ׳האָט דאָרט פיקעטירט די יודישע געשעפטען.

ווי ה׳ אייזענבערג גיט איבער, זענען ביי יעדען יודישען געשעפט געשטאַנען יונגע קריסטען מיט רויט-ווייסע בענדער אויפן אַרבעל און נישט אריינגעלאָזען דאָרט קיין קריסטליכען קונה, דערביי פירענדיג אַן אויסערגעוויינליכע העץ-קאַמפּאַניע אויפן אַדרעס פון יודישען סוחר.

זייער כאַראַקטעריסטיש זענען די שילדערונגען פון ה׳ אייזענבערג, וועגן דעם אופן פון פיקעטירען, אָבער... מיר וועלען נאָר אַרויסנעמען עטליכע פון זיינע דערציילטע פאַקטען:

נאָך איידער די פיקעטניקעס האָבען זיך אוועקגעשטעלט „היטען״ די יודישע געשעפטען, איז אינם שיך-געשעפט פון ה׳ ברוך קירשענצווייג אַריינגעקומען א קריסטליכער קונה, וואָס האָט געקויפט פיר פאָר שיך. בינו-לבינו האָבען זיך פאַרן דאָזיגען געשעפט אוועקגעשטעלט עטליכע „היטער״ און — דער קונה האָט פשוט מורא באַקומען פאַר די פיקעטניקעס ארויסצוגיין פונם געשעפט מיטן איינגעפּאַקטען פּעקל שיך. גראָד איז עס געווען אַן אָרענטליכער און איידעלער מענטש, איז ער באַדיי אַרויס דורך א הינטער-טיר, דורך וועלכע מ׳האָט איהם אויך שפּעטער נאָכגעטראָגען דאָס פּעקל, אַבי נישט פאָלגען די „גוטע״ און „איידעלע״ תורות פון די פיקעטניקעס.

א צווייטער פאַל:

צו ה׳ משה ביטער אין גרויסען אייזען-געשעפט האָט א קריסטליכער אַרבעטער געוואָלט אַריינגיין קויפען א קובעל. האָבען איהם אָבער די פיקעטניקעס נישט געלאָזען אַריינגיין, איז ער, דער אַרבעטער, אַריינגעגאַנגען אין א קריסטליכען געשעפט, וואו מען האָט זיך געהייסען געבען 4 זל. מיט 70 גראָשען. דער קונה האָט אָבער מערער נישט געוואָלט געבען ווי 4 זל. מיט 50 גר. און ווען דער קריסטליכער סוחר איז נישט בעשטאַנען, איז ער צוריק אריין אין משה ביטערס געשעפט, וואו ער האָט פאַר דעם זעלבען קובעל באַצאָהלט נאָר פיר גילדען.

פאַר גרויס אויפרעגונג איז דער קונה אַרויס פאַרן געשעפט און הויך אויסגעשריגען צו די פיקעטניקעס און צו די איבעריגע קריסטען, וואָס האָבען זיך אָפּגעשטעלט: יעס, איהר זאָגט, אז יודען זענען פּיאַווקעס? אַז יודען רייסן די הויט? — נישט אמת! איהר זאָגט ליגענט! נאָס, זעהט, אַז ביים יוד, משה ביטער האָב איך באַצאָהלט פיר גילדען אין דער צייט ווען דער קריסטליכער סוחר האָט פאַרן זעלבען קובעל געוואָלט מיט 70 גראָשען טייערער, אויף וועלכע איך דאַרף גאַנצע צוויי שעה שווער און ביטער אַרבייטען. נו, ווער איז איצט אַן אויסנוצער? — רופט אויס מיט פאַרביטערונג דער קריסטליכער אַרבייטער — און ער פערענדיקט מיט פאָלגענדע ווערטער צו די פיקעטניקעס: „משה ביטער האָט א סך צוגעהאָלפען צום אויפבוי פון סקאַרזשיסק און איהר ווילט חרוב מאַכען זיין מיה״.

אַ טייל פיקעטניקעס — ווי עס גיט ווייטער איבער דער ה׳ לייביש אייזענבערג — האָבען פאַר גרויס חרפה פאַר די אַרומשטייענדיגע קריסטען זיך אויפגעשטעלט די קעלנערלעך און — צעלאָפען זיך...

מיר, פון אונזער זייט גיבען צים ה׳ אייזענבערגס איבערגעגעבענע פאַקטען גאָרנישט צו, ווייל מיר האַלטען, אַז זיי רעדען גענוג פאַר זיך און פאָדערען נישט קיין קאָמענטאַרען...

די גרויסע חנוכה-אַקציע לטובת דעם קרן קימת לישראל.

פערגאַנגענע וואָך איז פאָרגעקומען א גרעסערע פערזאַמלונג פון פרויען-טהוערינ׳ס, עלטערע ציוניסטישע חברים און יוגענדליכע טהוער גערופען דורך דער קרן קימת לישראל קאָמיסיע. דער ציעל פון דער פערזאַמלונג: מאָביליזירען אלע ציוניסטישע אָרטיגע טהוער צו דער גרויסער חנוכה-אַקציע פון דעם יודישען נאַציאָנאַלען פאָנד. די אַרבייט וועט געפיהרט ווערען דורך די עלטערע חברים ביי בעמיטעלטע תורמים וואָס זענען בכח צו געבען גרעסערע נתינות און נאָכהער וועט פאָרקומען די פאַלאַס-אַקציע, וועלכע וועט געפיהרט ווערען הויפּטזעכליך דורך דער יוגענד.

די טראַדיציאָנעלע חנוכה-אַקציע זעהט אויס צו האָבען ערפאָלג שוין צוליב דעם סימבאָלישען כאַראַקטער פון דעם יום-טוב, וואָס דערמאָנט אונז די היינטיגע מאָדערנע-מכבייער, וועלכע שטעהען אויפ׳ן א״י פראָנט אין פערטיידיגונג פון די יודישע אינטערעסען און צוקונפט אין א״י:

(קאָמוניקאַט)

די יוגענדליכע אָרגאַניזאַציעס אָרגאַניזירען אין זייערע לאָקאַלען ספּעציעלע חנוכה-אָווענדען געווידמעט דעם קרן קימת.

שבת חנוכה וועט פאָרקומען אין לאָקאַל פון דער אָרג. ברית ציונים כללים״ — וועלט פערבאַנד (ציוניסטישער קלוב) א דאַנסינג. די הכנסה - לטובת דער חנוכה-אַקציע פון קרן קימת לישראל.

אין דער אָרטיגער ק. ק. ל. קאָמיסיע זענען פאָרגעקומען וויכטיגע שנוים. אויפ׳ן יאָהר תרצ״ט איז אויסגעוועהלט געוואָרען אלס מורשה פון ק. ק. ל. דער ציוניסטישער טהוער דער חבר יהודה קויפמאַן. דעם אָבטרעטענדען מורשה ישעי׳ אייגער איז בעשטעטיגט געוואָרען דורך דער קאָמיסיע איינצושרייבען אין דעם „ספר הזהב״.

די ענדגילטיגע חשבונות פון די זאַמלונגען אויפ׳ן יאָהר תרצ״ח האָבען ווי בעקאַנט, אַרויסגעוויזען א וואוקס פון די הכנסות.

א גרויסע און פערשטאַרקטע אַרבייט לטובת דעם ק. ק. ל. האָט לעצטענ׳ס אַרויסגעוויזן די אָרטיגע פרויען-אָרג. „וויזאָ״ מיט די פּרעזעסין פרוי לעווין אין דער שפּיץ, וועלכע האָט אליין געזאַמעלט קרוב 50 פּראָצענט פון דער „הגלילה״-אַקציע. אין די פרויען קרייזן טראַגט מען זיך אַרום מיט׳ן געדאַנק זי איינצושרייבען אין „ספר הזהב״ אלס אָנערקענונג פאַר איהר טעטיגקייט. דער פּלאַן וועט וואַהרשיינליך אין קורצען אָננעמען קאָנקרעטע פאָרמען.

פאַר׳ן גרינעם טיש.

אַ געוועזענער לעגיאָניסט פעראורטיילט אויף 1½ יאָהר תפיסה פאַר בעליידיגען דעם מלוכה-פרעזידענט און די פוילישע רעגירונג.

אין דער צייט ווען דאָס פוילישע פאָלק האָט געפייערט דאָס צוריקבעקומען זאַאָלזאַ, האָבען אין א דרילדזשער רעסטאָראַציע זיך געטראָפען עטליכע בעקאַנטע ביי א גלעזעל בראַנפען. מען האָט געשרונקען, מען האָט זיך געפרייט. עס איז אויך געוועזען איינער, וועלכער האָט אנגעהויבען זינגען טשעכישע לידער, ווען איינער פון די געסט א געוויסער וויאַנצעק האָט פון די ווערטער פון לידעל דערהערט בעליידיגונג׳ס-ווערטער אויף דעם אַדרעס פון פוילען, האָט ער געמאַכט א בעמערקונג דער פערזאָהן, אז ער זאָל אויפהערען זינגען אַזעלכע לידלעך. אָבער דעמאָלס האָט דער „זינגער״ אזוי זיך אויסגעדריקט, אז דאָס איז געוועזען א גאָר שטאַרקע בעליידיגונג פאַר דעם מלוכה-פרעזידענט און פאַר דער גאַנצער פוילישער מלוכה.

דאָס האָט מען געמאָלדען דער פּאָליציי וועלכע האָט דעם חברה-מאַן אַרעסטירט. ער האָט זיך אויסגעגעבען אלס ווינצענטי פּיאַלקאָווסקי, א מעסער-שלייפער.

בעת דער אויספאָרשונג איז מען געוואויר געוואָרען, אז ער הייסט נישט פּיאַלקאָווסקי, נאָר מיעטשיסלאַוו קאַפּינסקי.

נאָכ׳ן אָבזיצען 3 חדשים אין תפיסה איז קאַפּינסקי געשטעלט געוואָרען פאַר׳ן היגען קרייז-געריכט אונטער דער בעשולדיגונג פאַר בעליידיגען דעם מלוכה פרעזידענט און די פוילישע מלוכה.

ווי עס ווייזט זיך אַרויס איז קאַפּינסקי א געוועזענער לעגיאָניסט פון 1915. ער ערקלערט, אז ער האָט ביים אַרעסטירען אויפגעגעבען אַן אַנדער נאָמען, ווייל ער האָט נישט געוואָלט... אז די צייטונגען זאָלען פון איהם שרייבען.

דאָס געריכט האָט איהם פעראורטיילט אויף אנדערטהאַלבען יאָהר תפיסה.

געפעלשט אַ שול-לעגיטימאַציע.

דער 21-יעהריגער קאָוואַלטשיק וולאָדיסלאַוו האָט ליעב צו רייזען און בכדי צו בעקומען באַהן-הנחות האָט ער זיך דורך דער הילף פון אַ געוויסען אַנטאָני קיביעל זיך אויסגעאַרבייט אויף דעם נאָמען פון עאוגעניוש סאַלאַטע אַ לעגיטימאַציע פון דער ראַדאָמער פאַך-דערגענצונג׳ס שולע (זשעמישלניטשאַ שולע)

אין אַ געוויסן טאָג, ווען דער רעווידענט פון אוזשאַנד סקאַרבאָווי ה׳ מאַנטשקאַ האָט געמאַכט א רעוויזיע אין דער פּיוויאַרניע פון פּיעכאַטאַ, האָט ער דאָרט געטראָפען עטליכע יונגעליים טרונקען בראַנפען. דער רעווידענט האָט זיי אויסלעגיטימירט און דאָ איז איהם געוועזען פערדעכטיג „סאַלאַטאַ׳ס״ לעגיטימאַציע, וועלכע מען האָט איבערגעשיקט אין דער שולע און דאָ איז מען געוואויר געוואָרען, אַז זי איז אַ געפעלשטע. דעם פעלשער האָט מען געשטעלט פאַר׳ן קרייז-געריכט, וואָס האָט איהם פעראורטיילט אויף 8 חדשים תפיסה, אָפּלעגענדיג איהם די שטראָף אויף 3 יאָהר.

בעליידיגט די הייליגע מוטער.

פאַר׳ן היגען קרייז-געריכט איז געשטעלט געוואָרען דער ראַדאָמער סטאָליאַר טאָמאַש לאָזעצקי, וועלכער האָט טרונקענדיג בראַנפען אָנגעוויזען אויף דעם בילד פון דער הייליגער מוטער, וואָס איז געהאָנגען אין רעסטאָראַן און זי שטאַרק בעליידיגט.

די חברים, וועלכע האָבען מיט איהם געטרונקען האָבען דאָס געמאָלדען דער פּאָליציי.

פאַר דעם געריכט האָט זיך דער בעשולדיגטער לאָזעצקי פערטיידיגט דערמיט, אַז ער איז געוועזען שטאַרק שכור און געדענקט נישט וואָס עס איז מיט איהם געוועזען. אָבער דאָס האָט נישט געהאָלפען און דאָס געריכט האָט איהם פעראורטיילט אויף 10 חדשים תפיסה, אָפּלייגענדיג איהם די שטראָף אויף 3 יאָהר.

אַר.

ŻĄDAJCIE
TYLKO
„RIKSZA”
GUM..?
JEDWABNE

«א מוציא מיט האָניג»

רעווי-פּראָגראַם אין 2 טיילען, 14 בילדער, אויסגעפיהרט דורך: חנה גראָסבערג, דאָראָטאַ דאָבקאָווסקאַ, דוד לעדערמאַן, זישע קאַץ און אייזיק ראָטמאַן, אין טעאַטער „ראַזמאַיטאָשטשי״.

ווער אַ שטייגער, וועט אין די היינטיגע ביטערע צייטען זיך אָפּזאָגען פון אַ מוציא מיט האָניג?

לעבען מיר דאָך אין אַ צייט, ווען דאָס גרעסטע רשעות איז אויסגעגאָסען אויפן יודס קאָפּ: צרות, לייד, פּיין, דערנידערונגען, פּאַרפאָלגונגען אזוי, אַז איין טאָג איז נישט בעסער פאַרן צווייטען, נאָר פאַרקעהרט: יעדען טאָג פרישע סיורפּריזען...

איז דעריבער גאַנץ נאַטירליך, וואָס גראָד אין אַזאַ צייט, ווען אויפן האַרצן און אויף דער נשמה דריקט אזוי שווער, ווי ס׳וואָלט דאָרט א שווערע משא געלעגען; און ווען דער קאָפּ איז ווי מיט שווערען בליי אָנגעפילט — גראָד אין אַזאַ צייט ווילט זיך עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל מאַכען פאַרגעסען אין דער גרויער ווירקליכקייט...

און ווען מיר האָבען געזעהען אַן אַפיש, אַז דאָס קליין-קונסט-טעאַטער מיט חנה גראָסבערג אין דער שפּיץ קומען צו אונז מיט דער פריילעכער רעווי-פאַרשטעלונג „א מוציא מיט האָניג״, האָבען מיר זיך פּשוט דערפרייט: עלעהיי מ׳וועט אָפּרוען די נערוון אויף אַ צוויי שעה און מ׳וועט אַביסל פרייער אָפּעטעמען און — מיר זענען געגאַנגען כאַפּען אַ לעק האָניג. אָבער, שוין פון אָנהויב, מוזען מיר זאָגען, אַז... מיר האָבען אַפילו דעם בלויזען טעם פון האָניג אויך נישט דערפילט...

— דער פּראָגראַם? —

בלאָס, שוואַך און נישט אַקטועל. א טייל פון די געגעבענע נומערן — אפילו אַלט און אָפּגעלעבט.

— ביישפּיל?—

„נסים״. אַזעלכע נסים מיט טשיפּקעס געהערען שוין לאַנג צום יודישען טעאַטער רעקוויזיט.

אָבער אויך די אַקטועלע נומערן, ווי: „אין קיינעמס לאַנד״ און „די הגדה״ זענען אויך בלאָס אַרויסגעקומען.

עס פאַרדריסט שטאַרק, וואָס אַזעלכע באמת גוטע רעווי-אַרטיסטען, ווי: לעדערמאַן, קאַץ און ראָטמאַן האָבען איינרעזשיסירט אַזעלכע בלוס-אָרעמע נומערן, אין וועלכע דער אַרטיסט קען זיך בשום אופן נישט אַרויסווייזען. כדי צו האָבען אַ גוטען קוכען, מוז מען האָבען אַ גוטען טייג. פון שניי קען מען קיין גאָמעלקעס נישט מאַכען.

אויף לעדערמאַן, קאַץ און ראָטמאַן האָט מען זיך מעהר געקענט ריכטען און — זיי קענען זיכער מערער געבען!

חנה גראָסבערג? —

לעבעדיג, לוסטיג און — ווי אַלע מאָהל — „מיט אַ מויל, וואָס גייט ווי אויף שרויפען״.

אָבער גאָר פיין איז זי אין די שלאָגער-לידלעך, וואָס זי זינגט מיט ברען און טעמפּעראַמענט. ווי מען זאָגט: „טשאַקענדיג און קנאַקענדיג״. אַפילו דער קנאַק מיטן צינגעל האָט ביי איר טויזענט טעם. אָבער ווען דאָס דאָזיגע וואויל-יונגערישע קנאַקען מיטן צינגעל חזרט זיך כסדר איבער אין יעדן לידל, האָט עס אַ בייגעשמאַק...

דאָראָטאַ דאָבקאָווסקאַ איז ביי אונז א פנים-חדשות. סיי דער שיין-קלינגענדיגער כמעט אַרישער נאָמען פון איהר און סיי דאָס שטעלען איהר אויפן אַפּיש אין סאַמע אויבען-אָן, האָט געלאָקט און צוגעזאָגט.

זענען מיר געגאַנגען, אָבער אויך דאָ — אַנטוישונג. ווייל נישט דער אויסוואַהל פון איהרע לידלעך פּאַסען זיך אַריין אין א רעווי-פּראָגראַם און אודאי נישט — דאָס אַרט אויספירען די לידלעך און דאָס האַלטען זיך פון איהר אויף דער סצענע. אַלע לידער זענען ביי איר אויף איין קאַפּעטע: איינטאָניג, צעצויגען, לאַנגווייליג און ממילא אָהן לעבען.

שטימע? —

עפּעס — קען מען זאָגען — האָט זי יאָ אַ שטימע, אָבער... זייער א שוואַכע. און, אַז די שטימע איז א שוואַכע, וועלן אַפילו די שלשלת-טרילן, אַלאַ, לאָמיר זאָגן — אַדאַ סאַרי — אויך נישט העלפען...

מיר האָבען שיער פאַרגעסען צו דערמאָנען, אַז אינם דאָזיגען רעווי-פּראָגראַם איז יאָ געווען איין נומער אַ געלונגענער — „דער נעגער״.

אמת, אַז אַ כך האָבען מיר דאָ צו פאַרדאַנקען די געלונגענע אויספירונג פון איציק ראָטמאַנען, אָבער גאָר שטאַרק האָט דאָ אויך געווירקט דעם נעגערס טראַגעדיע, וואָס איז ענליך צום יודס טראַגעדיע. מיר האָבען פּשוט מיטגעלעבט מיט דעם נעגערס איבערלעבונגען און באַליידיגונגען, וואָס מיר פילען נישט איינמאָל אויף אונזער אייגענער הויט...

אָבער אויך דער דאָזיגער נומער האָט נישט געפּאַסט אין א רעווי-פּראָגראַם, נאָר גיכער אין א דראַמאַטיש טעאַטער, אָדער אויף א רעציטאַציע-אָוונט.

אָנשטאָט פרייער אָפּעטעמען און פאַרגעסען זיך אויף א צוויי שעה — האָט אונז גאָר דער נעגער דערמאָנט אין אונזער גרויער ווירקליכקייט...

אַזוי צי אַזוי — קיין האָניג האָבען מיר נישט געלעקט...

גבריאל ווייסמאַן.

דער פּחד פאַר אַ באַנדיט אין דרילדזשער געגענד.

רויבערייען און מאָרדען — 19 אורטיילען, 5 מאָהל אַנטלאָפען פון תפיסה — ראַדאָמער קרייז-געריכט פער׳משפט דעם מערדער אויף אייביגע תפיסה

די אומגעגענד פון שטעטעל דרילטש האָט אַרויסגעגעבען דעם אמת׳ן „העכט״. מיר האָבען די עהרע איהם פאָרצושטעלען: סטאַניסלאַוו קראַווטשיק.

קראַווטשיק צעהלט קוים 34 יאָהר אָבער זיין פערברעכערישע פערגאַנגענהייט איז אַ „רייכע״: 19 פּראָצעסען, 19 אורטיילען און לאַנגע יאָהרען אַ יושב אין תפיסה. אָט מיט אַזאַ באַגאַזש איז ער נעקומען אַהיים צו זיך אין דאָרף אריין נאָכדעם ווי ער איז אַנטלאָפען פון די צוואַנגס-אַרבייטען אין דער לובלינער תפיסה.

אין דאָרף האָט ער זיך בעגעגענט מיט זיין אַלטען חבר יאַן וואַיטשיק און מ׳האָט זיך אָפּגעלאָזט צוזאַמען אויף „אַרבייט״. בינו לבינו האָט זיך אין קראַווטשיק׳ן פערליבט וואַיטשיק׳ס ווייב און ס׳האָט זיך צווישען זיי פערוועבט אַ שטאַרקער ראָמאַנס. פאַר וועלכען וואַיטשיק האָט בעצאָהלט מיטן לעבען. קראַווטשיק האָט איהם ביינאַכט פערנאַרט אין אַ וואַלד און דאָרט דערשאָסען. ער האָט נאָך דערפאַר געזאָלט בעקומען בעצאָהלט 1000 זל. פון אַ געוויסען מאַזור.

אין דעם אַלעם האָט געשפּיעלט אַ גרויסע ראָליע די וואַיטשיקאָווא, וועלכע האָט צוגערעדט דעם געליבטען צו טויטען איהר מאַן. זי האָט איהם צונויפגעברענגט מיט מאַזורן אויפן ליפּסקער יאַריד און ביי אַ פלאַש בראָנפען איז געשלאָסען געוואָרען די „טויט-טראַנזאַקציע״. מאַזור האָט געגעבען קראַווטשיק׳ן 10 גילדען האַנד-געלד און צוגעזאָגט, אַז ווען וואַיטשעק וועט זיין טויט, וועט ער איהם צוגעבען די רעשט 990 זל.

מאַזור האָט דאָס געזאָלט טוהן דערפאַר, ווייל ער האָט זיך אַרומגעשלאָגען מיט וואַיטשיק׳ן.

נאָכן מאָרד האָט קראַווטשיק מיט דער וואַיטשיקאָווא אויסגעגראָבען אַ גרוב און דאָרט בעהאַלטען דעם ערמאָרדעטן. קראַווטשיק האָט זיך בעהאַלטען אין די וועלדער וואויהין די גנבים האָבען איהם געברענגט עסען. די פרוי וואַיטשיקאָווא איז עטליכע מאָהל געקומען „בעזוכען״ איהם אין וואַלד אריין.

אַרומבלאָנקענדיג אין די וועלדער, האָט ער אויסגעפיהרט אַ רייהע באַנדיטען-אָנפאַלען אויף די דאָרפישע פאַמיליעס לענאַרט, נאָוואַק, יאַסטשעמבסקי, בורעק און סקוואַרעק. דער לעצטער האָט נישט געוואָלט געבען קיין געלד, האָט ער איהם דערשאָסען. אַזוי-אַרום איז קראַווטשיק געוואָרען די שרעק פון דרילדזשער פּאָוויאַט, ביז מ׳האָט איהם געכאַפּט און איינגעזעצט. צוזאַמען מיט איהם האָט מען אויך אַרעסטירט מאַזורן מיט דער וואַיטשיקאָווא.

נעכטען איז זייער פּראָצעס בעטראַכט געוואָרען אין ראַדאָמער קרייז-געריכט.

עס זענען אַרויסגערופען געוואָרען 22 עדות, קרבנות פון דעם מערדער.

דער פּאָליציי קאָמענדאַנט פון דרילדזש דערצעהלט פאַרן געריכט, אַז די איינוואָהנער פון דרילדזשער פּאָוויאַט האָבען אַזוי מורא געהאַט פאַר קראַווטשיק׳ן, אַז פיעל פון זיי זענען אַנטלאָפען פון זייערע וואָהנונגען. גאַנצע צוויי וואָכען האָט אַן׳אָבטיילונג פון פּאָליציי איהם געזוכט אין די וועלדער און פעלדער. ענדליך איז מען געוואָהר געוואָרען, אַז ער געפינט זיך אויף אַ בוידעם צווישען היי אין אַ מעלינע ביי זיין חבר וועלנאָוויעץ אין דאָרף זאַיאַנטשקאָוו. פּאָליציי האָט אַרומגערינגעלט דאָס הויז. ער האָט אָבער נישט געוואָלט הערען פון אונטערגעבען זיך און געוואָלט שיסען צו די פּאָליציאַנטען. ווען אָבער דער פּאָליציי-קאָמענדאַנט האָט איהם געגעבען אַן׳אולטימאַטום פון 5 מינוט צייט זיך אונטערצוגעבען, אויב נישט וועט דאָס הויז אונטערגעצונדען, ווערען — דאַמאָלס איז קראַווטשיק אַראָפּ פון בוידעם מיט אויפגעהויבענע הענד אַלס צייכען פון קאַפּיטולאַציע.

אויף די שאָסען האָבען זיך פערזאַמעלט טויזענטער דאָרפסלייט, וועלכע זענען געפאַלען אויף די קניה און געדאַנקט גאָט, וואָס דער פּאָליציי איז געלונגען צו פאַנגען די חיה אין געשטאַלט פון אַ מענש.

נאָך די רעדעס פון פּראָקוראָר שידלאָווסקי און אַדוואָקאַטען סטאָב און דזשיטשעוויעצקי האָט דאָס געריכט אַרויסגעטראָגען אַן׳אורטייל, לויט וועלכען קראַווטשיק ווערט פער׳משפט אויף אייביגע תפיסה מיט פערלירען די בירגערליכע רעכט אויף אייביג און פראַנצישקאַ וואַיטשיקאָווא אויף 12 יאָהר מיט פערלירען די רעכט אויף 10 יאָהר.

אַנטאָני מאַזור ווערט בעפרייט צוליב מאַנגעל אין בעווייזען. פרוי מאַזור פאַלט אויף דער ערד און חלש׳ט פאַר פרייד. וואַיטשיקאָווא בעקומט ספּאַזמען און פּאָליציי מוז איר אַרויסטראָגען פון זאַהל.

בלויז קראַווטשיק נעמט אויף דעם אורטייל רוהיג.

אר.

אויסבעסערונג

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער נאָטיץ וועגען פּראָצעס פון יעקב משה פרידמאַן, בעט מען אונז אויסצובעסערען, אַז דער דערמאָנטער פרידמאַן איז נישט קיין פערוואַלטונגס-מיטגליד אין דער היגער „גוויאַזדאַ״.

הערץ גראָסבאַרד אין ראַדאָם

אין קורצען וועט דער בעקאַנטער וואָרט-מייסטער, הערץ גראָסבאַרד, אויפטרעטען ביי אונז אין ראַדאָם אין אַ וואָרט-קאָנצערט, וואָס וועט אַרומנעמען די נייעסטע יודישע שאַפונגען און די אַלטע קלאַסיגער.

הערץ גראָסבאַרד איז קען מען אַן גיזמא זאָגען, דער בעסטער אויסטייטשער און באַלעבער פונ׳ם יודישען געדרוקטן וואָרט.

ס׳איז דעריבער נישט קיין וואונדער וואָס דער דאָזיגער אויפטריט האָט אין שטאָט אַרויסגערופען גרויס צופרידענקייט.

אַנ׳אַנשטענדיגער יונגערמאַן
זוכט ביי אַ פיינע פאַמיליע צו שלאָפען, צו עסען און מיט גענצליכע אויסהאַלטונג. אָפערטען וויפיעל מ׳וויל מאָנאַטליך ביטע אויפצוגעבען אין רעדאַקציע פאַר „קאַוואַליר״.

נאָך 15 טעג אויף דער פּליטים = אַקציע.

ראַדאָמער יודען, שליסט די אַקציע מיט ערפאָלג.

דער פּליטים-קאָמיטעט האָט ווידער בעגייט זיין טעטיגקייט נאָך אַן׳הפסקה פון אַ קליינע צייט. דער איבעררייס איז נישט זיין שולד, נאָר דאָס איז געקומען פון נישט אָבהענגיגע פון איהם סיבות. יעצט ווען ס׳איז ערלויבט געוואָרען די זאַמלונגען פון 15-טען גרודזיען ביז׳ן 30-טען דעם זעלבען מאָנאַט, האָט דער קאָמיטעט בעשלאָסען אין משך פון אָט דער צייט צו פערענדיגען די אַקציע פון געלד-זאַמלען פאַר די פאַרטריבענע יודען פון דייטשלאַנד.

דער קאָמיטעט האָט צו דעם צוועק גערופען אויף עהערנעכטען מיטוואָך ביינאַכט אַ גרעסערע זיצונג אין לאָקאַל פון דער גמינע און ס׳איז בעשלאָסען געוואָרען פאָרצוזעצען די געלד-זאַמלונג ביי די יעניגע ראַדאָמער יודען וואָס האָבען נאָך אויף דער אַקציע נישט געגעבען, אָדער זיך געוואָלט פּטר׳ען מיט נישטיגע סומעס. עס ווערען צונויפגעשטעלט פערשידענע פּאָרען, וועלכע וועלען בעזוכען די פאַר זיי בעשטימטע רעווירען.

פון די בעריכטען, וואָס זענען אָבגעגעבען געוואָרען אויף דער דאָזיגער זיצונג, האָט מען געהערט פון טשיקאַווע פאַלען, ווי אַזוי טייל ראַדאָמער יודען האָבען זיך אויפגעפיהרט בעת דער אַקציע. אַזוי למשל ווערט איבערגעגעבען, אַז איינינגע מענשען זענען געקומען צום קאָמיטעט און ווען מ׳האָט ביי זיי נישט געוואָלט צונעמען די קליינע נתינות האָבען זיי איבערגעלאָזט דאָס געלד און זענען אַוועק. דער קאָמיטעט האָט זיי צוריקגעשיקט דאָס געלד און אין איינינגע פאַלען אַפילו דאָס געלד צוריקגעשיקט דורך דער פּאָסט. געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבען געוואָלט האַנדלען ביליג, האָבען זיי אויסגעמיטען דעם היגען קאָמיטעט און געשיקט קיין וואַרשא.

מ׳האָט אויך איבערגעגעבען אויף דער זיצונג אַז דער צענטראַלער פּליטים-קאָמיטעט אין וואַרשאַ האָט זיך געווענדעט צו אַלע לאָקאַלע קאָמיטעטען אין פערשידענע שטעדט אויף דער פּראָווינץ זיי זאָלען אויפגעבען רשימות פון מענשען וועלכע האָבען זיך אָבגעזאָגט צו געבען אויף דער אַקציע, כדי מ׳זאָל זיי קענען פערעפענטליכען אין דער גאַנצער יודישער פּרעסע.

ווען עס לוינט זיך...

אין צוזאַמענהאַנג מיט די וואַהלען צו דער זעלבסט-פערוואַלטונג אין פּשיטיק, וואָס קומען פאַר דעם היינטיגען זונטאָג, שרייבט די היגע פּוילישע פּרעסע:

„ראַבאָטניק״:

... פערגאַנגענע וואָך האָבען די ענדעקעס נאָכ׳ן דורכפיהרען אונטערהאַנדלונגען, פערשטענדיגט זיך מיט די אָרטיגע יודען וועגען אַרויסשטעלען איין געמיינזאַמע קאַנדידאַטען-ליסטע. די די ענדעקעס האָבען אַזוי אַרום געמיינט אַז דער „בלאָק״ וועט אָפּשטראַשען אַנדערע פון אַרויסשטעלען קאַנדידאַטען-ליסטעס און אויף דעם אופן וועט נישט דערגעהן צו קיין וואַהלען און מיט די מאַנדאַטען וועלען זיך צעטיילען די אַנטיילנעמער פון „צוזאַמענשטעל״.

די ענדעקעס האָבען זיך אָבער פעררעכענט, ווייל די פּ. פּ. ס. האָט זיך געשטעלט צו די וואַהלען, פיהרענדיג אַ קאַמף מיט׳ן „ענדעקיש-יודישען״-בלאָק. דאַן האָבען זיך די ענדעקעס לאַנג בעראַטען און ענדליך בעשלאָסען אַרויסצושטעלען אַ צווייטע ליסטע, אָבער דאָס מאָהל אַהן די יודישע קאַנדידאַטען.

אַזוי אַרום האָבען די ענדעקעס אין פּשיטיק צוויי ליסטעס: איינע, אַ געמיינזאַמע מיט יודען און אַ צווייטע — אַהן יודען.

„דזיען-דאָברי״:

... ווי מיר דערוויסען זיך איז אין פּשיטיק צושטאַנד געקומען אַ בלאָק צווישען אַלע דאָרטיגע הויז-אייגענטימער וואו נעבען די יודען האָט געזאָלט פיגורירען דער נאַראָדאָווע לאַגער אָבער נאָכ׳ן בעווייזען זיך אַ ליסטע פון פּ. פּ. ס. איז דער „הויז-אייגענטימער-בלאָק״ צעריסען געוואָרען״.

אין קינאָ „אַפּאָללאָ״

צוויי פּרעכטיגע פילמען ווערט דעמאָנסטרירט אין קינאָ „אַפּאָללאָ״.

דער ערשטער פילם הייסט „די ערראָבערער פון מאַראָקקאָ״, אין וועלכען עס בעטייליגט זיך דער בערימטער אַרטיסט האַררי באַור.

אין צווייטען פילם „פאַר דיר סינאָריטאַ״ בעטייליגט זיך דער וואונדערבאַרער זינגער נינאַ מאַרטיני.

דער פילם צייכענט זיך אויס מיט הערליכער מוזיק און געזאַנג-נומערען.

בכלל איז ווערט צו גיין זעהען די צוויי פילמען אין קינאָ „אַפּאָללאָ״.

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער אַח **מיכאל**
צוליב דעם פריהצייטיגען טויט פון זיין פאָטער
נתן יודקיעוויטש
אין דער ביתר׳ישער אַרבייט זאָל ער אַ טרייסט געפונען
הסתדרות ברית-תרומפּלדור
רדום

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס
אונזער חבר **מיכאַל יודקיעוויטש**
צוליב׳ן טויט פון זיין פאָטער
נתן נ. ע.
די חברים:
אברהם מילמאַן, ישעי׳ באַרענשטיין, יעקב מעקלער.

• • •

די פאָטאָגראַפיע פון די זיבען קינדער פּליטים, וואָס מיר ברענגען אין היינטיגען נומער צום אַרטיקעל פון אונזער מיטאַרבעטער, גבריאל ווייסמאַן, איז אויסגעפיהרט געוואָרען דורכן היגען קינסטלערישן פאָטאָגראַפישען אַנשטאַלט פונה׳ בושאַצקי, וויטאָלדאַ 2

• • •

ביידע קלישעס פון די קינדער-פּליטים אין ראַדאָם—סיי פון די פריהערדיגע פינף מיידעלעך און סיי די זיבען יונגלעך, וואָס מיר ברענגען אינ׳ם היינטיגען נומער פון אונזער צייטונג, זענען אויסגעפיהרט געוואָרען דורך דער בעריהמטער קינסטלערישער צינקאָגראַפיע פון אונזער פריינד, ה׳ גאָלדבערג אין וואַרשא.

פריינד גאָלדבערג האָט אַזוי אַרום געהאָלפען צולעגען אַ האַנד צו אַ גוטער טהאָט.

BROWAR PAROWY
J. SASKI
w RADOMIU
poleca piwo
JASNE i CIEMNE

אַ גרויסע „טראַגעדיע״ פון „פּאַמיענטני טשוואַרטעק״

ווי מען גיעט אונז איבער, איז פאַר עטליכע טעג צוריק אין היגען שטאָדט-געריכט פאָרגעקומען אַ טשעקאַווער פּראָצעס צווישען די יונגעלייט יאָסעל ליבהאַבער און יאיר ווייספּוס מיט אַ געוויסען לייזער פישמאַן.

די זאַך האָט זיך אַזוי פאָרגעשטעלט:

די ה״ה ליבהאַבער און ווייספּוס זענען פון פאַך זעצערס און דרוקערס. געגען זיי האָט פישמאַן פערפיהרט אַ קרימינעלען פּראָצעס פאַר איבעררייסען דאָס אַרויסגעבען אַ בלעטעל. די בעשולדיקטע האָבען מאָטיווירט זייער האַנדלונג דערמיט, וואָס דאָס בלאַט איז געווען עם-הארציש רעדאַגירט, אַזוי, אַז ס׳איז זיי אויסגעקומען אַנשטאָט צו זעצען און דרוקען – אויסצופיהרען די ראָל פון אַ רעדאַקטאָר, אַריינרעכענענדיג אַפילו דאָס מוזען אַליין מאַכען אַ קאָרעקטור. זיי האָבען אויך איבערגעגעבען אין געריכט, אַז אין גאָס האָט מען אָבגעשפּאָט און אָבגעחוזק׳ט פון בלאַט.

אויף דער פראַגע פון פישמאַנס פערטיידיגער פאַרוואָס דאָס בלאַט דערשיינט נאָך, אין דער צייט ווען זיי שטעמפּלען איהם אַלס עם הארץ און חוזק׳ן אָב פון זיין אַרויסגעבונג – האָט ליבהאַבער געענטפערט: „צוליב צוויי טעמים – 1) צוליב דעם וואָס דער טאַטע זיינער האָט אַ הויז און 2) ווייל ס׳איז נאָך נישטאָ קיין געזעץ, וואָס זאָל פערווערען אידיאָטען און עם-הארצים אַרויסצוגעבען אַ צייטונג״.

פאַרן לעצטען אויסדרוק האָט דער ריכטער געמאַכט ליבהאַבערן אַ בעמערקונג.

עס זענען אויסגעהערט געוואָרען עטליכע עדות, ס׳רוב פון פישמאַנ׳ס זייט. פון וועלכע ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין גרויס נחת.

כאַראַקטעריסטיש איז געווען דאָס עדות-זאָגען פון זעצער משה ווייספּוס וועלכער האָט דערצעהלט אין געריכט, ווי אַזוי דעם „רעדאַקטאָר׳ס״ מוטער האָט איהר זוהן געגלעט און געזאָגט צו איהם, אַז ער איז דער גרעסטער רעדאַקטאָר.

אַביסעל הייטערקייט האָט אַרויסגערופען דאָס עדות-זאָגען פון „רעדאַקטאָר׳ס״ שוועסטערען פון וועלכע איינע האָט באַלד אין אָנפאַנג זיך צעשמייכעלט, און דער ריכטער האָט זי געפרעגט פאַרוואָס זי לאַכט. (אַ פּנים ס׳האָט איהר הנאה געטהון איהר ברודער׳ס אויפטהו) און די צווייטע האָט אָנגעהויבען איהר עדות-זאָגען פון אַ „פּאַמיענטני טשוואַרטעק״. אויף דער פראַגע פון ריכטער וואָס פאַר אַ געשעהעניש עס שטעלט מיט זיך פאָר די דאַטע פון דעם „פּאַמיענטני טשוואַרטעק״, האָט זי געענטפערט, אַז דאָס מיינט זי יענעם טאָג ווען די זעצער׳ס האָבען איבערגעריסען דאָס אַרויסגעבען דאָס בלאַט.

דער פינאַל איז געווען, אַז פישמאַן האָט פערשפּילט דעם פּראָצעס.

Do pielęgnacji rąk, ciała oraz prania mydło «Trójka»

ווינטער-הילף פאר ארבייטסלאזע און פרנסה'לאזע יודען אין ראדאם.

ווינטער!

וואס פארא שרעקליך ווארט דאס איז!

אבער נישט פאר אלעמען איז דער ווינטער שרעקליך... אדרבה: פערהאנען אזעלכע, וואס דער ווינטער ברענגט זיי פערשידענע אנגענעמע סיורפריזען און אטראקציעס...

אזעלכע גליקליכע זענען אבער פערהאנען געצעהלטע, איבערהויפט ביי יודען — קען מען זיי אויף די פינגער צעהלען!

און אט פאר דעם אנדערען ט״ל, דאס מיינט — פאר דעם גרעסטען טייל פון יודען, איז דער ווינטער א געשפענסט, ווייל ווינטער דערמאנט אין: הונגער, קעלט, חושך, חילגאטש און איז נאך אזעלכע „גוטע" ערשינערונגען, וואס לעגען זיך אזוי שווער אויפ'ן ארעמאנ'ס הארצען...

און דא — צו וועמען זיך ווענדען?

צו וועמען, אז אומעטום זענען פערקלאפט די טיהרען... אויף טויזענד שלעסער פערמאכט...

בלייבט איין וועג — אליין זיך העלפען!

איז טאקע צו דעם צוועק געשאפען געווארען ביי אונז אין ראדאם א ווינטער-הילף-קאמיטעט, ביים „טאז", וואס האט זיך געשטעלט פאר דער הייליגער אויפגאבע פון ברענגען הילף און לינדערען אזוי ארום די ארבייטסלאזע, פרנסה'לאזע און אנדערע דעקלאסירטע יודען.

אינ'ם קאמיטעט און אין דער פינאנס-קאמיסיע זענען פארטרעטען מענשען פון אלע ווירטשאפטליכע, פראפעסיאנעלע און געזעלשאפטליכע ארגאניזאציעס.

די נעמען פון פרויען: לאסטמאן, לעווין, ב. פישמאן, קאדענטשיק, סערצאזש, לאנדוי, דענס, ראקאטש פ. פישמאן און מגר. רוט לעווין.

מענער: אדוו. טאוב, ד״ר גאלדבלום, ד״ר טאובענפעלד, דיר. קעלערמאן, אינזש. קארמאן, מגר. נאסיעלסקי, ז. ווענגער, ש. האכגלאבער, דיר. פרענקעל, ד״ר אנשער, ד״ר פריידאס, גאלדבערג איגנאצי, רעד. הערץ, ראסמאן גבריאל ווייסמאן, ש. איידעלבוים, ראסמאן בארמייסטער, בייטלער, וויינריב, ווינשטאק און סאלאמאן לעווין.

דער דאזיגער קאמיטעט האט שוין אפגעהאלטען עטליכע זיצונגען, אויף וועלכע ס'איז באטראכט געווארען דער אופן פון ארגאניזירען די ווינטער-הילף-אקציע אין א גרעסערן פארנעם.

א גרויסע באראטונג איז אפגעהאלטען געווארען דעם פארגאנגענעם דינסטאג, אויף וועלכער דער פ א ר ז. א ד וו. ט א ו ב האט אפגעגעבען א באריכט און ס'איז ארומגערעדט געווארען די ווייטערדיגע טעטיגקייט.

אין דער זאכליכער דיסקוסיע האבען זיך בעטייליגט: ד״ר גאלדבלום, בייטלער, רעד. הערץ, ראטמאן ווייסמאן, האכגלאבער, קעלערמאן און צוקערמאן.

אן אנגענעמער סיורפריז איז פאר אונז געווען דער הארציגער ארויסטריט פון ה' קעלערמאן, וועלכער האט איבערגעגעבען, אז אליין, אן וועמענס מיטהילף האט ער אין משך פון געציילטע טעג געזאמעלט פאר דער דאזיגער אקציע 305 גילדען. דער ארויסטריט פון ה' קעלערמאן איז געווען פול מיט אפטימיזם און פראקטישע אנווייזונגען. אז מען וויל — זאגט ה' קעלערמאן — קען מען זאמלען; מען דארף נאר האבען א גוטען ווילען!

פרוי סערצאזש האט צוגעזאגט פארצושטעלען דעם ענין פאר „וויזא", וועמען זי וויל ארייננציען אין דער אקטיווער מיטארבעט.

אויפן ארט האבען זיך כמעט אלע אנוועזענדע (איבערהויפט — די פרויען) פרייוויליג געמאלדען אנטייל צו נעמען אין דער זאמל-אקציע.

ס'איז דעריבער צו האפען, אז די ראדאמער יודישע באפעלקערונג וועט, ווי ווייט מעגלעך, אנטקייגען קומען מיט דער מאקסימום-סומע, כדי אזוי ארום צו-העלפען טיילווייז לינדערען די גרויסע נויט פון די, וואס נויטיגען זיך אין דעם.

אויב קיינער וויל אונז נישט העלפען — מוזען מיר אליין זיך העלפען!

גימל.

פאר 20 גראשען — א חודש ארעסט.

ווי'הן פון א בעקאנטען ראדאמער בירגער ארויסגע'גנב'עט 5 בייגעל פון א יודישען סטראגאן.

אין ראדאם איז גוט בעקאנט די גארבער-פאמיליע נאטוראליסטא. דער אלטער נאטוראליסטא האט מיט א צייט צוריק געשפיעלט א ראל. אויך זיינע זיהן זענען געוועזען בעקאנט אלס אזעלכע וואס האבען זיך פערנומען מיט געזעלשאפטליכע ארבייט.

איינער פון זיי אלעקסאנדער נאטוראליסטא, וועלכער האט געענדיקט 6 קלאסען פון דער ראדאמער האנדעל'ס-שולע, איז א געוויסע צייט געוועזען א מאגיסטראט-בעאמטער ביי די סעזאהן-ארבייטען און ווען ער האט דעם פאסטען פערלוירען, האט ער זיך געלאזט אויף א פערברעכערישען וועג: פון איין גנבה צו דער צווייטער און אט האט ער שוין אויף זיך 4 אורטיילען.

אין שענעם חודש מאי האט נאטוראליסטא זייענדיג אויפ'ן וואל געזען ווי דער שליסעל פון סטראגאן פון פעסא האנדלארסקא, ווערט אוועקגעלעגט אויף דער ראהם פון סטראגאן דורך דעם בעקער וואס ברענגט געבעקס. ווען דער בעקער איז אוועק, איז נאטוראליסטא צוגעגאנגען צום סטראגאן, ארפגענומען דעם שליסעל, אויפגעמאכט דעם סטראגאן און אנגעפאקט די קעשענעס מיט 5 בייגעל. ווען ער האט שוין געוואלט צוריק פערשליסען און מאכען פליטה איז. אנגעקומען די אייגענטימערין און האט אויפגעהויבען א געוואלד. נאטוראליסטא האט איהר געוואלט בעצאהלען פאר די בייגעל, אבער פעסע האט נישט געוואלט הערען. עס איז אנגעקומען דער פאליציאנט אורבאנסקי און אלעקסאנדער נאטוראליסטא איז ארעסטירט געווארען פאר אויספיהרען א נייע גנבה.

זעהר טייערע בייגעל, 5 בייגעל — א חודש ארעסט.

אר.

שטיצט די ווינטער-הילף

פאר ארימע ארבייטסלאזע
און פרנסה'לאזע יודען

הייזער פאר גייסטיגע ארבעטער.

אינוועסטיציעס אויפ'ן קומענדען סעזאהן.

אין צוזאמענהאנג מיט'ן פראיעקט פון בויען אין אונזער שטאדט א רייה הייזער פאר גייסטיגע ארבייטער, האט דער שטאדט-פרעזידענט ה' גזשעטשנאראווסקי אפגעהאלטען א קאנפערענץ מיט דער הויפט-אפטיילונג פון „זוס" אין ווארשא וועגען דאזיגען ענין.

דעם 17 דעצעמבער וועט דער שטאדט פרעזידענט ה' גזשעטשנאראווסקי אנטייל נעמען אין דער קאנפערענץ פון אלע שטעדט („צאפ") וועגען בעשטימען די נויטיגסטע אינוועסטיציעס אויפ'ן קומענדיגען סעזאהן.

פערארטיילט פאר דראהען מיט א מעסער

אין דער ראדאמער פערברעכער-יועלט איז גוט בעקאנט דער נאמען פון יאן פיוואווארטשיק, וועלכער איז שוין אבגעזעסען לאנגע יאהרען אין תפיסה, פאר פערשידענע פערברעכענס.

פיוואווארטשיק וואהנט אויף די פאדיאזדאווא גאס צוזאמען אין איין הויף מיט דער אידישער פאמיליע פרידמאן. דער יונגער בנימין פרידמאן האט נישט געהאט קיין שלום מיט זיין שכן פיוואווארטשיק, מיט וועלכען ער האט זיך געקריגט. איינמאהל ביי אזא קריגעריי האט פיוואווארטשיק ארויסגעכאפט א מעסער און געדראהט אז ער וועט איהם דערמיט אוועקלעגען א טויטען. פרידמאן, וויסענדיג אז פיוואווארטשיק איז א „ווארטס-מענש" איז אוועק אין דער פאליציי און האט געמאלדען וועגען דעם.

געגען פיוואווארטשיקען איז פערפיהרט געווארען א פראצעס און ער איז פערמשפט געווארען אויף א יאהר אומבעדינגטע תפיסה.

געשלאפען אין קייטען איז ער אבגעפיהרט געווארען אין תפיסה אריין.

אר

רעגיסטראציע פון ארבייטסלאזע און פרנסה'לאזע.

אלע ארבייטסלאזע און פרנסה'לאזע יודען, וועלכע ווילען געניסען פון דער ווינטער-הילף-אקציע, וואס ווערט געפיהרט ביי דער געז. „טאז, דארפען זיך רעגיסטרירען אין פראפעסיאנעלען פעראיין פון האנדעלס-אנגעשטעלטע און פריוואט-בעאמטע, רווינסקא 1.

פון „יונג-וויזא" (קאמוניקאט)

די סעקרעטארין פון „וויזא". פרל. חנה ווייגגארט גיט אונז איבער:

1) ס'איז געשאפען געווארען א „יונג-וויזא", וואס איז צוגעטרעטען צו א ברייט-פערצווייגטע ארבייט, צוגעפאסט צים יונג-וויזא-פראגראם.

2) מיטוואך, דעם 7-טען דעצעמבער איז פארגעקומען אנ'אינטערסאנטע פארלעזונג פון פרל. פראפ. גליקסמאן א. ד. ט. „די ראל פון דער פרוי אין א״י"

3) היינטיגען שבת, דעם 17 דעצעמבער אין לאקאל פון אלגעמיינע ציוניסטען (וועלט-פערבאנד), טראוגוטטא 55 א חנוכה-אווענד מיט א רעפעראט וועגען חנוכה און דעקלאמאציעס, מאנאלאגען, רעציטאציעס און א דאנסינג.

4) מיטוואך דעם 21 דעצ. א חנוכה-פערוויילונג פאר קינדער, אונטער דער אנפיהרונג פון געניטע פעדאגאגישע כוחות.

37 קאסטענס וועש מיט מלבושים

דער ה' ל. שפערבער טיילט אונז מיט, אז עס איז געזאמעלט געווארען ס״ה 37 קאסטענס וועש און מלבושים פאר די יודישע פליטים פון דייטשלאנד. צווישען זיי איז פערהאן איין קאסטען מיט נייע פאלטענ'ס, וואס ס'האבען געשאנקען די יודישע מאגאזינען פון גרייטע מלבושים צוזאמען מיט דער קאנפעקציע-בראנזשע.

דער גרעסטער טייל איז אוועקגעשיקט געווארען קיין זבאנזשין און א טייל איז פונאנדערגעטיילט געווארען צווישען די ארימע יודישע קינדער פון די פאווישעכנע שולען.

ה' שפערבער האט אונז ערקלערט אז ער פאהרט ספעציעל קיין זבאנזשין אויף אייגענע הוצאות כדי צו בעקענען זיך מיט דער לאגע אויפ'ן ארט. נאכ'ן בעקומען א בעשטעטיגונג פון די דערהאלטענע זאכען, וועט ער אנגעבען אנ' אויספיהרליכען בעריכט וואסערע וועש און מלבושים ס'זענען געזאמעלט געווארען און וועלכע סארטימענטען זענען געשיקט געווארען קיין זבאנזשין און וועלכע זענען צעטיילט געווארען דא אויפ'ן ארט.

אבטיילונג פאר אסטראוויעץ, אפאטאוו, וויערזשבניק און אומגעגענד

פון דער יודישער קהלה.

די שטאדט איז אויפגעקאכט צוליב די גרויסער עטאט-אויסמעסטונג.

פיעל זענען טאקי בע'עולה'ט מיט א צו הויכע עטאט - אויסמעסטוגג, פיעל ווידער זענען גלאט שרייערס פון סאך.

אזוי צ. ב. ש. איז נישט צו פערשטעהן די גטוואלטען פון היגען יוד. אדוו. צייזעל וועלכער בונטעוועט און ליארעמט צוליב זיינע פאהר זלאטעס; א מענש, וועלכער האט דורך א קלייגע צייט בעוויזען צו ערוועיבען. א מיהל. איינינע צעהנדלינג מארנעס וואלד. בריוך האבען טאקט און גוטוויליג דעם עטאט איינצאהלען.

איינער א דאזאר האט אלס ענטפער אויף א פרעטענזיע געגען די צו הויכע עטאש - אויסמעסטונג א-אבגעלאזט דעם צאהלער אין מיט'ן גאס 2 פייערדיגע פעטש.

דער ספירט מאנאפאל לייגט אויך נישט צו ביי דעם געוודער. די קהלה-לייט זיצען אין רעסטאראנען (יודישע) און מען כוסה'ט אויף וואס די וועלט שטעהט.

די קהלה - לייט ווייזען זיך ארויס אלס אוניווערסאלע מענשען. זיי ארבייטען לטובת די קהלה און ס'בלייבט זיי נאך צייט גישט צו פערגעסען אין דעם ספירט-מאנאפאל. בראווא!

פון האנדווערקער און צעכען-בעוועגונג.

דער פארזיצער פון היגען פריזירער-צעך ה' וויגדאראוויטש איז ארויסגעפאדערט געווארען אויף אנ'אויספארשונג וועגען אנ'ארויסגעגעבענע בעשטעטיגונג פאר א יודישען זייגער-מאכער שמעון ל.

אויפן גרונד פון דער דערמאהנטער בעשטעטיגונג האט דער ה' ל. בעקומען א צעך.

יעצט ווערט דער פארזיצער פון דערמאנטען צעך בעשולדיגט אין ארויסגעגעבען א פאלשע בעשטעטיגונג, ווייל לויט די דערהאלטענע מסירה (אגב פון א פעטער פון דערמאהנטען ה' ל.) זאל דער דערמאהנטער ל. קיינמאהל נישט האבען זיך פערנומען מיט זייגערמאכעריי.

מיט וואס דאס וועט זיך ענדיגען ווייסט מען נישט. אבער דאס איז זיכער, אז די שענדליכע מסירה איז א רעזולטאט פון א ירושה-מחלוקת צווישען די קינדער פון ר' ו: ל.

דאס איז דער צווייטער קאליבער פראצעסען, וועלכע פיהרען צו שענדליכע טהאטען.

מי"ט די אינטערעסאנטע גאלעריע פראצעסען וועלען מיר זיך בעזונדער פערנעמען.

ארעסטען פון צוויי אקושערינס.

מיר האבען שוין אין „ראדאמער-קעלצער לעבען" בעריכטעט וועגען דעם טראגישען טויט פון א יונגע יודישע מוטער, וועלכע האט איבערגעלאזט 5 קליינע קינדער.

אין צוזאמענהאנג דערמיט איז ארעסטירט געווארען די היגע יודישע אקושערין ב. וועלכע ווערט בעשולדיקט אין דורכפיהרען די נישט ערלויבטע אפעראציע.

עס איז אינטערעסאנט, דאס די דערמאהנטע אקושערין איז ארעסטירט געווארען אויפן צוג מיט וועלכען זי האט געזאלט פאהרען אויף א בעזוך צו איר טאכטער, א שילערין, וועלכע לערענט זיך אין ווארשא.

פאליציי האט זי ארויסגענומען פון צוג און גלייך אבגעפיהרט אין תפיסה קיין סאנדאמיעזש.

אין זעלבען טאג איז אויך ארעסטירט געווארען די קריסטליכע אקושערין א. וועלכע ווערט אויך בעשולדיגט אין זעלבען פערברעך.

האבען מיר אלזא ביי די אקושערינס א פיפטי-פיפטי פרעצעדענס.

א „פרעהליכע" נאכריכט

פאר אלע אונזערע „אינטעליגענטע" קאוואלערען און פאננעס האבען מיר א פרעהליכען נאכריכט:

די צוקערניע „ראמא" האט אראבגענומען פון די איינגאנגס-טהיר דאס שילדעלע „פירמא כזשעשטשיאנסקא" אזוי אז ס'איז צו האפען, דאס די יודישע „מלאדזישעוז" וועלכע קען נישט סטראוויען קיין זשידאווסקע טאוואזשיסטווא וועט שוין נישט האבען קיין שוועריקייטען ביים אריינקומען אין דער דערמאהנטער צוקערניע.

איין בעווארעניש מוזען מיר נאר צוגעבען, דאס געהענדיג אהין זאלען זיי נישט פערגעסען אין דער היים דאס בייטעלע מיט געלד (ווי זיי פיהרען זיך אין יודישע געשעפטען) ווייל — זיי פערשטעהען דאך פויליש, — דאס שילדעל „קרעדיטו ניע אודזיעלאמי" איז ווייטער פערבליבען.

ראדאמער יוד! ערפיל דיין חוב פאר דיינע פארטרײבענע ברידער וואס הייסט פליטים

מארגארין „מ ע נ אָ ר אַ" איז אויסגעארבייט אונטערן שטרענגען הכשר פון וואַרשאָווער ראַבינאַט

KINO APOLLO

גרויסער פריהמארגען פראגראַם
שבת 1, 3, זונטאג 11^{30} און 1^{30} אז.

MODELKA

Od poniedziałku do piątku
שענער פערדאָפעלטער פּראָגראַם:

1 **PANI WALEWSKA**
מיט גרעטאַ גאַרבאָ און שאַרלעס באָיער

2 **MOTYL HISZPANSKI**
מיט זשאָנעט מאַקדאָנאַלד
די פּרייזען וועלען זיין פון 40 גר. ביז 1 זלאָטע

ביז זונטאג — אַ שטהנער פּראגראַם
פרעכטיגער פראַנצויזישער פילם

ZDOBYWCY MAROKKA

אין די הויפּט-ראָל:
האַררי באַאור

שענער מוזיקאַלישער פילם
Dla Ciebie Senorito
מיט דעם בעריהמטען זינגער **בינאַ מאַרטיני**

KINO APOLLO

קעלצער כראניק

גאז-אטאק אין קעלץ

היינטיגען מאָנטאג און דינסטאג איז קעלץ געווען איינגעהילט אין א געדיכטע פינסטערניש, צוליב דעם גאז-אטאק-פרוב, וועלכער איז אויסגעפאלען גלענצענד א דאנק דער געהעריגער אָרגאניזאציע.

אבגעלעגט די אלגעמיינע פערזאמלונג פון קאָמאשענמאכער-צעך.

אויף דינסטאָג דעם 13-טען איז בעשטימט געוואָרען די אלג. פערזאמלונג צו וועלכער די ביידע קעמפערישע לאגערען האבען זיך פיבערהאפט צוגעגרייט. צוליב דעם, וואָס אין זעלבען אָווענד איז פאָרגעקומען דער גאז-אַטאַק איז די פערזאמלונג אָבגעלעגט געוואָרען.

אימפּאָזאַנטע פייערונג אין ציונ. קלוב.

לויט דער איניציאַטיוו פון אייניגע ציוניסטישע עסקנים אין קעלץ, איז דאָ געעפענט געוואָרען אַ העברעאישער סעמינאָר, פאַר'ן אויסבילדען אינסטרוקטאָרען צו די ציוניסטישע ארבייט. פערגאנגענעם פרייטאָג-צונאכט'ס איז אין קלוב-זאָהל פאָרגעקומען די פייערליכע ערעפענונג פון העברעאישען סעמינאַר, ביי דער בעטייליגונג פון אָ גרויסען עולם.

שאַכיסטען-טורניר אין קעלץ.

אין די נאָהנטסטע טעג קומט פאָר אין לאָקאל פון „קלוב טאָוואזשיסקי" אַ שאַך-טורניר, וועגען דער מייסטערשאַפט פון קעלץ, ביי דער בעטייליגונג פון די בעסטע שאַכיסטען אין שטאָדט. די דאָזיגע אימפרעזע האָט אַרויסגערופען אַ פערשטענדליכען אינטערעס. מעלדונגען פון אַנטיילנעמער, ווערען אָנגענומען אין „קלוב טאָוואָזשיסקי" (שיענקיעוויטשאַ 23) דער גאנצער איינקונפט איז בעשטימט פאר דער „ווינטער-הילף" אַקציע.

אומגליקס-פאל מיט אַ יודישען מילנער אין ראדאם.

דער היגער יודישער מילנער בערטשע צוקער האָט געמאָהלען תבואה אין דאָרף וויטעסלאַוואַ ביי פירלע. ביים מאָהלען האָט ער זיך אַראָבגעבויגען נישט פאָרזיכטיגערהייט צו דער זייט, וואו דאָס פערד האָט געמאַכט די רונד-קרייזען. ער האָט בעקומען א פאטאלען זעץ פון פערד, פון וואָס ס'איז איהם געשפאָלטען געוואָרען דעם שארבען פון קאָפּ. ער איז אָבגעלעגען עטליכע טעג אין פוילישען שפיטאָל וואו ער איז מאָנטאָג געשטאָרבען.

צעשלאגן און בערויבט

דער איינוואוינער פונ'ם דאָרף יאַנישפאָל הינטער ראַדאָם, גאָטליב פרידבערג איז בעפאלען געוואָרען אויף דער וויעיסקא גאס אין ראדאָם דורך עטליכע אויסוואורפען, וועלכע האָבען איהם צעשלאָגען און צוגערויבט 10 גילדען. פאָליציי פיהרט אַן אויספאָרשונג.

צוליב מאַנגעל אין פּלאַץ

זענען נישט אַריין אין היינטיגען נומער אַ רייהע נאָטיצען, צווישען זיי אויך דער בריעף פון ה' מיכאל ריכטמאַן.

רעד.

Wytwórnia Siatek higien. do łóżek
i tapczanów automatycznych
„HIGIENA"
wł. Ch. Staszewski
Radom, Pl. Legionów (Rynek) 6.

ס'ווערט אויסגעארבייט **שאַטקעס צו בעטען**
ווי אויך **אויטאָמאַטישע טאַפּטשאַנען**
ערשטקלאַסיגע ארבייט
פּינקטליכע אויספיהרונג
זעהר ביליגע פרייזען
קומט און איבערציינגט אייך.

Rutynowany
buchalter i bilansista
ma wolne godziny
CENY PRZYSTĘPNE
Wiadomość: **A. Wajsman**, Radom, ul. Żeromskiego 9.
Malczewskiego 6.

Okucia meblowe – Okucia budowlane
8-טונג בעלי-מלאכות פון ראדאם און אומגעגענד!
די ביליגסטע קוועלע פון בוי און מעבל-באַשלעג
שרויפען, ניטען, רעהמען מעשענע צו פויערהאַנגען, ווי אויך פערשידענע
אייזן-ארטיקלען קורצע און גראָבע צו בעקומען אין דער אייזען-פירמע
E. Frydman Radom, Słowackiego 8

Jesienią, zimą, wiosną czy latem,
pij zawsze
Z DZWONKIEM HERBATĘ!

Najlepsze, najmilsze i najtańsze
prezenty dla rodziny i przyjaciół
to
kuchenki, żelazka
grzejniki do rurek
poduszki i inne
Do nabycia na dogodnych warunkach w
Radomskim Towarzystwie Elektrycznym
Sp. Akc. w Radomiu
ul. Traugutta 53

Z okazji zaślubin
p. *Majera Gutmana*
— z panną —
Rózią Sznajdermanówną
wiele szczęścia i zadowolenia
życzą
Wewek Fogielman z narzeczoną

Z okazji zaślubin
panny Rózi Sznajdermanówny
z p. Majerem Gutmanem
dużo szczęścia życzą
Jonas Gutman z rodziną.

צו די האָכצייט פון אונזערע שוועסטערן טאָכטער פייגעלע וויינאכט מיט ה' לייביל פיללער ווינשט דעם יונגען פאָר אַ גליקליך צוזאמענלעבען.

משה ראַבינאָוויטש און פרוי.

!!! שטיצט די ווינטער-הילף אַקציע פאַר אָרימע אַרבעטסלאָזע און פרנסה'לאָזע יודען.

Nasz Instytut Kosmet. „Charme" Radom, ul. Żeromskiego 5, udziela bezpłatnych porad

א אנאנס
אין
„ראדאָמער קעלצער לעבען"
האָט
דעם גרעסטען
ערפאָלג

Kino ADRIA
Do niedzieli dnia 18 Grud. włącznie.
«TYRAN»
W rol. gł. **Conrad Veldt, Sessue Haykawa, Michiko Tanaka**

OD PONIEDZIAŁKU dnia 19 grudnia r. b. **Wielki film z życia rosyjskiego p. t.**
„Prokurator Andrejew"
W rol. gł. **Gaby Morlay, Victor Francen, Georges Rigaud**
Nad program; Dodatki

Kino ADRIA
שבת דעם 17
זונטאָג דעם 18
פריהמארגען - פילמען
Polski film p. t.
„KRÓLOWA PRZEDMIESCIA"

אכטונג קעלץ!
אין אַלע רעדאַקציע און אדמיניסטראַציע-ענינים ביטע זיך צו פערשטענדיגען מיט אונזער מיטארבייטער
ק. ביינוואַל
שריפטליך קען מען זיך ווענדען:
Red. „Radomer-Kielcer-Leben"
Kielce, ul. Warszawska 2.

אבאָנאָמענטס פּרייז:
פאַר אַ חודש אין פוילען זלאָט
אין פראַנקרייך, בעלגיען 4 פראַנק
אין אַנדערע לענדער 30 סענט.

1-szal ostatnia strona
liczą 10 szpalt

TARYFA OGŁ.:
Na 1-szej stronie mm 1 szp. 40 gr.
w tekście mm 1 szp. 60 gr.
na ostatnie stron. mm 1 szp. 25 gr.

Radaktor CH. M. HERC
tel. 15-18 טעל.
Wydawnictwo „Radomer Kielcer Leben" Szwarlikowska 20